STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05373

DI NATSYONALE FRAGE UN DER PROLETARISHER INTERNATSYONALIZM

Bernard Halperin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך האלפערן

די
נאציאנאלע פראגע
און דער
פראלעטארישער
אינטערנאציאנאליזם

Bernard Halperin

The National Question

and the

Proletarian Internationalism

רעדאַגירט : ש. בעקער

געדרוקט אין תל־אביב, דרוקעריי „אות"

1971

Printed in Israel

אַ וואָרט פריער פון מחבר

די דאָזיקע עסיי איז די ערשטע אין דער ריי פון עטלעכע, וואָס ווערן צוגעגרייט אין אַ בוך־פאָרעם אונטערן קעפל: „שימל אין מיטן לויפנדיקן שטראָם". יעדע איינע איז אַ המשך און אַלע צוזאַמען זיינען געווידמעט: אויפדעקן דעם רעוויזיאָניזם פון די אָנהויב 60ער און 70ער יאָרן אויף דער יידישער גאַס.

רעוויזיאָניזם איז ניט קיין נייע, און אוודאי ניט קיין זעל־טענע דערשיינונג אויף דער יידישער גאַס. זי קען זיין אין יעדן פאָלק און אויך ביי אונדז, יידן. אָבער ווי אַן אָנשטעקנדיקע קראַנקייט, דאַרפן מיר זי שטענדיק באַקעמפן. געפערלעך איז אַט די קראַנקייט שוין דערמיט, ווייל דער וועג אויף וועלכן זי פירט איז שטענדיק דער גרינגער. עס איז דער וועג פון קלענערן ווידערשטאַנד, דער וועג אויף וועלכן עס איז באַקוועם זיך איינעסטלען, דער וועג פון פאַרבייטן דעם שווערן, אָפט געפער־לעכן קאַמף, אויף אַ רואיקן שטייגער לעבן...

מיט פאַרדרוס און ווייטיק קומט אויס דעם אויטאָר, און מיט אים אַ סך אַנדערע צו זען, ווי עס ווערט ביודעים, אָדער בלא־יודעים, צענומען און צעשטערט אַ גרויסער בנין, געבויט פון שכנא עפשטיין און משה אָלגין; אין אָט דעם בנין, אין וועלכן עס האָבן די פאַרגעשריטענע יידישע אַרבעטער־מאַסן אין די פאַרייניקטע שטאַטן אַריינגעלייגט זייער פיל מי.

דער אויטאָר פון דער עסיי שטעלט זיך דאָ דעם ציל צו דער־ווייזן אָט די שעדלעכע אָפנייגן, דערווייזן די פאַלשקייט פון זייערע מיינונגען, וואָס פאַרקריפלען, אין תוך גענומען, די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע לערע; דערווייזן דעם גרויסן שאָדן, וואָס זיי ברענגען אויף דער יידישער גאַס מיטן פאַרמיסטיקן די הומאַניטאַרע געפילן און באַשמוצן דעם שטאָלץ פונעם יידישן האָרעפּאַשניק, מיטן האָדעווען ביי אים אַן „אתה־בחרתנו־גע־פיל", אַ געפיל פון „כל־ישראל־חברים".

דעריבער זיינען די עסייען ניט געשריבן געוואָרן אין אַ שטי־לער, געמיטלעכער קאַבינעט־סביבה און ניט אַרויסגעקומען, ווי אַ שטיל־מורמלדיקער וואַסערל וואָס באַרואיקט און פאַרוויגט, נאָר ווי אַ שטאַרקער און צו מאָל צאָרנדיקער אויסגעשריי פון אַ מענטשן, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַ ווייטיקלעכער ווונד — אַן אויסגעשריי: „שוין צייט צו דערמאָנען!"

און ווייל מיר ווילן אָפּווענדן פאַלשע באַגריפן, קליינביר־גערלעכע מיינונגען, אָפּנייגן, וואָס פירן אַוועק פון ברייטן וועג פון קאַמף, איז מען דאָ געצוווּנגען זיך אָפּרופן אויף זייערע „טעאָרעטישע אַרטיקלען", זיך אָפּרופן, געבן אַן אַרגומענט, פאַרפירן אַ דיסקוסיע און די דיסקוסיע מוז אָנעמען די פאָרם פון אַ פּאָלעמיק. (אגב, די פאָרם פון פּאָלעמיק איז שטענדיק געווען אַ וויכטיקער מיטל צו אויפקלערן און אַנטוויקלען דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק).

אָט די פּאָלעמיק איז דאָ ניט אַרויסגערופן געוואָרן צוליב בייזע כוונות, אָדער שנאה, נאָר פאַרקערט: ניט לאָזן פאַרניכטן דאָס, וואָס איז אונדז אַזוי ליב און טייער און וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי געבויט...

דעריבער דאַרף אָט די פּאָלעמיק — ווי שאַרף זי זאָל אַ מאָל ניט זיין — ניט אָנגענומען ווערן פונעם לייענער, ווי אַ פגיעה בכבוד דעם אָדער יענעם שרייבער, נאָר דורך אַזאַ פּאָלעמיק זיך דערגרונטעווען צום אמת, וואָס נאָר ער, דער אמת, קען אונדז פירן צום יושר און גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

אַרייַנפיר

די יוני מלחמה פון 1967, וועלכע די ישראלדיקע הערשנדיקע קרייזן, אין ענגער צוזאַמענאַרבעט און מיט דער הילף און דערמוטיקונג פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, האָבן אַנגעוואָרפן די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער — האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון שאָוויניזם אין יידישן יישוב פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווי אויך אין אַנדערע יידישע יישובים.

די בורזשואַזע פרעסע און ראַדיאָ אין ישראל און אויף דער וועלט האָט אָנהייב 1967 אויפגעהויבן אַ טומלדיקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן די אַראַבישע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כוחות, וועלכע ווילן, כלומרשט, אַריינוואַרפן די יידן אין ים אַריין און ליקווידירן ישראל. דאָס איז זיי געווען נייטיק, כדי צו באַרעכטיקן זייער אַגרעסיווע מלחמה.

די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און אַריינגעבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט גרויסע טיילן פון יידישע מאַסן אויף דער וועלט. עס איז דערביי אויסגענוצט געוואָרן די סענטימענטן פון די יידישע מאַסן, נאָכן גרויסן חורבן פון דער היטלער עפּאָכע. אין ניט קיין קלענער מאָס האָבן צו דעם צוגע־האָלפן די עקסטרעמיסטישע און שאָוויניסטישע לאָזונגען אין דער אַראַבישער וועלט.

מיר ווילן דאָ אויפקלערן, ווי אַזוי ס'איז דערמעגלעכט געוואָרן, אַז געוויסע טיילן פון דער יידישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער נאַציאָנאַליסטישער וואַקכאַנאַליע, אין קאַמף קעגן די אַנטיאימפּעריאַליסטישע כוחות, און טיילווייז אויך קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין פאַרטיידיקונג פון די קרבנות פון דער יוני אַגרעסיע.

די דאָזיקע מישטיינס געזאָגט פּאַטריאָטן און פאַרטיידיקער פון ישראל, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין פאַרטיידיקונג פון דער יוני מלחמה און זיך אַריבערגעוואָרפן אין פיינטלעכן לאַגער, פאַרשטייען ניט, אַז מיטן פאַרלענגערן פון דער מלחמה און דער אָקופּאַציע, ניט וועלנדיק אויספירן די באַשלוסן פון זיכערהייטס־ראַט, פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, שטעלן די ישראלדיקע הערשער אין געפאַר דעם עצם קיום פון מדינת ישראל... און ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד טרעט אַרויס פאַר ליקווידירן די פאָלגן פון דער אַגרעסיע און פאַר איינשטעלן שלום, פאַרטיידיקט ער אויך די עקזיסטענץ, די זיכערקייט און די צוקונפט פון ישראל.

פון דער צווייטער זייט קען מען פאַרזיכערן לויטערע האַרמאָניע און אַ גליק־לעכע צוקונפט פאַר ישראל, אויב זי וועט פירן אַ פּאָליטיק פון שלום און פעל־קער־פריינדשאַפט.

די „מאָרגן־פרייהייט", פריער און איצט

די „מאָרגן־פרייהייט" איז עטלעכע און דרייסיק יאָר געווען אַ צייטונג, וואָס האָט געטריי אויסגעדריקט די קלאַסן־אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנ־דיקע מאַסן אין אַמעריקע. אירע שפּאַלטן האָבן שטענדיק, פונעם אָנהייב ביזן סוף, געברויזט מיט קלאַסן־קאַמף. זי האָט פאַרטיידיקט די טעגלעכע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן. און אין קעגנזאַץ צו אַנדערע יידישע צייטונגען, האָט זי באַטראַכט אַט די פראַגעס פון אַ געזונטן אינטערנאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט און אויסגעפּילט ערלעך און איבערגעגעבן אירע פליכטן פון אַ יידישער אַר־בעטער־צייטונג.

זי האָט דעמאָלט געפירט העפטיקע קאַמפן קעגן דער פאַרעטערישער ראָלע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, קעגן „פאָרווערטס". זי האָט אויפ־געדעקט טאָג־טעגלעך זיינע שענדלעכע און פאַרעטערישע טאַטן. זי האָט ניט נאָר געקעמפט קעגן „פאָרווערטס", נאָר איר שאַרף איז אויך געווען געריכט קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער און שאָוויניסטיש־רעליגיעזער פרעסע, קעגן „טאָג" און „מאָרגן־זשורנאַל". זי האָט קריטיקירט זייער צוגאַנג צו באַטראַכטן יעדע זאַך און געשעעניש פון דעם איינציקן שטאַנדפּונקט: „צי איז דאָס גוט, אָדער שלעכט פאַר יידן?". (דערביי דאַרף מען דערמאָנען, אַז ניט די אינטערעסן פון די ברייטע יידישע מאַסן איז זיי אָנגעגאַנגען, נאָר פון דער יידישער בורזשואַזיע).

דערקעגן האָט די „מאָרגן־פרייהייט" יעדע פראַגע אויפגענומען אַ סך ברייטער; זי האָט זי באַטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון אַרבעטער קלאַס, ווייל וואָס ס'איז גוט פאַרן אַרבעטער־קלאַס איז אויך גוט פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן.

ווען איר נעמט אָבער איצט די צייטונג אין די הענט, דערקענט איר זי כמעט ניט. זי איז פאַרעמט געוואָרן אין מיטאַרבעטער, און ספּעציעל פאַרעמט גע־וואָרן אידעאָלאָגיש. מען גיט אָפּ אַ סך צייט און ענערגיע צו באַהאַנדלען די נאַציאָנאַלע פראַגע, פאַרשפּרייטן און פלעגן די נאַציאָנאַליסטישע געפילן, און דאָס אַ סך מער ווי אויף די אַרבעטער־פראַגעס און זייערע אינטערעסן. אַפילו ביים באַטראַכטן אַזאַ פראַגע ווי אַנטיסעמיטיזם, שטעלט מען דאָ מער דעם טראָפּ אויפן „פיינטעלע ייד", ווי צו באַקעמפן ראַסיזם.

און כאַטש אַט די יידישע „נאַציאָנאַלע פראַגע" באַשטייט אויסשליסלעך און קאָן אין די פאַראייניקטע שטאַטן רעדוצירט ווערן נאָר צו דער שפּראַך און יידישער ליטעראַטור, שטעלט מען אָבער אַוועק די נאַציאָנאַלע פראַגע אַ סך ברייטער, ווי זי וואָלט האָבן אַנדערע נאַציאָנאַלע „אַטריבוטן" (?) וועגן וועלכע,

אגב, ניט די „מאַנער" און ניט די „פון וועמען מען מאַנט" האָבן אַ וועלכע עס איז קאָנקרעטע אָנונג וועגן זיי; אַפּעלירט מען דאָך צו די נאַציאָנאַלע געפילן; רוקט מען אַרויס די נאַציאָנאַלע פראַגע אין פאָדערגרונט און מען באַמיט זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַליזם צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

נאַציאָנאַליזם, ניט סאָציאַליזם

פסח נאָוויק, רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן-פרייהייט", האָט שוין אַ שיין ביסל געשריבן וועגן אָט דער פראַגע אין די לעצטע פּאָר יאָר. געשריבן צענדליקער אַרטיקלען אין זיין אייגענער צייטונג, וועלכע זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער פּראָגרעסיווער פּרעסע פון אייראָפּע, קאַנאַדע און ישראל און אויך אין אַ סך זשורנאַלן. זיין לעצטער וואָגיקער אַרטיקל, אונטערן נאָמען: „נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין ליכט פון דערווירקלעכקייט", איז געווען געדרוקט אין דער זומער־אויסגאַבע פון 1968, „זאַמלונגען" №43.

אָט דער אַרטיקל האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, ווי דאָ אין פּש"אַ, אַזוי אויך אין אייראָפּע און איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ טייל פון דער פּרעסע. עס וועט דעריבער כּדאַי זיין אָפּגעבן אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט אָט דעם אַרטיקל, ווי אויך זיך באַנוצן מיט ציטאַטן פון זיינע פריערדיקע אַרטיקלען איבער דער זעלבער טעמע.

נאָוויק שרייבט דאָרט: „אַזאַ איז די ווירקלעכקייט, אַזאַ איז די סענסיטיווקייט פון יידישן מענטשן, פון יעדן איינעם פון אונדז, אויב אַפילו דאָ און דאָרטן, קען עמעצער זיין גלייכגילטיק. די לאַגע פון די יידן אין די קאַפּיטאַליסטישע, ווי סאָציאַליסטישע לענדער, גייט אונדז אָן — וועמען מער, וועמען ווייניקער — גייט אָן יעדנפאַלס מער, ווי זי גייט אָן ניט יידן. אַז דעם דורכשניטלעכן יידן גייט זי אָן איז אָן שום ספק...". (ז' 8).

מיר דאַכט, פּשוטע, אומשולדיקע ווערטער. ווער ווייסט דען דאָס ניט? און פאַרט איז דאָ דאָ עפּעס און אַפילו אַזוינס, וואָס איז אָפּפרעגלעך. מיר זיינען יאָרן לאַנג געווען צוגעוווינט, אַז גראָד מיר, פּראָגרעסיווע מענטשן אונטעראָרדענען די נאַציאָנאַלע פראַגע אונטער דער סאָציאַלער קלאַסן-פראַגע. זייענדיק שטענדיק מער איבערגעגעבן די אינטערעסן פון די יידישע מאַסן, ווי די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע עלעמענטן. און עס איז דאָך געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך; זיי

זיינען אַרויסגעטראָטן אין די אינטערעסן פון אַ מיעוט, מיר פאַר דער מערהייט; זיי — פאַר די רייכע; מיר — פאַר די ברייטע מאַסן. און דעריבער האָבן מיר שטענדיק געוווסט, אַז די וויכטיקסטע פראַגע שטייט דאָ קודם, די סאָציאַלע, דער קלאַסן־קאַמף, וואָס וועט מוזן פאַרענטפערן און לייזן אויך די נאַציאָנאַלע פראַגע. אויב אַזוי, איז דאָך דאָס עפּעס אַ נייעס, וואָס פּסח נאָוויק, דער רעדאַקטאָר פון מ"פ, שטעלט דאָ לעצטנס אַוועק אין דער ערשטער ריי אין פאָדערגרונט דווקא די נאַציאָנאַלע פראַגע!

ער שרייבט: „ווען איינער האָט ניט קיין היסטאָרישע אידענטיטעט, פילט ער זיך געהאַמעוועט אין לעבן, לייקנט אָפּ אַסימילאַציע, דאָס אָפּרייסן זיך פון דער אייגענער היסטאָרישער אידענטיטעט, דאָס איבערהאַקן די פאַרבינדונג מיט די דערפאַרונגען, וואָס דאָס פאָלק, דאָס אייגענע פאָלק, האָט געהאַט אין דעם עבר. דער אָדער יענער יחיד קאָן זיך אפשר פאַרגינען דאָס צו טאָן, אָבער ניט דאָס פאָלק. אַלע טעאָריעס וועלן ניט באַוועגן דאָס פאָלק אָפּזאָגן זיך פון זיך אַליין...".

נאָוויק גייט שוין דאָ אַ ביסעלע ווייטער: נאָוויק זעט דאָ שוין נאָר „דאָס פאָלק". ער זעט שוין ניט קיין קלאַסן. ער רוקט אַרויס דאָס פאָלק אַלס אַ מאָנאָליטן איינהייט...

פון ווען אָן פילט נאָוויק, אַז זיינע דערפאַרונגען זאָל דער פּראָלעטאַריער, און אַפילו דער האַרעפּאַשניק, מוזן נעמען דווקא פון דער נאַציאָנאַלער סביבה: פון דער היים, בית־מדרש און אַנדערע פּלעצער? אפשר קאָן ער זיי גראָד נעמען פון זיין סאָציאַלער סביבה: פון שאַפּ, פאַבריק, פּראָפעסיאָנעלן־פאַריין און פון דער געהעריקער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער ער באַטייליקט זיך?

באַמערקט דאָ ניט נאָוויק, אַז מיט אָט דער דערקלערונג, שטעלט ער זיך אַוועק אין לאַגער פון די נאַציאָנאַליסטן? אויך ווי זיי, אָנערקענט ער דאָ „דאָס כל־ישראל־פאָלק"; אויך ווי זיי, נעמט ער דאָ אָן דאָס יידישע פאָלק, ווי אַ מאָנאָליטן איינס.

און פאַר וואָס זיך רייסן אין אָפענע טירן? — ווער האָט ווען עס איז געפאָדערט פון אַ פּראָלעטאַריער, ער זאָל זיך דווקא אָפּזאָגן פון זיין נאַציאָנאַליטעט? — פאַרקערט, מיר האָבן דאָך שטענדיק געוווסט, אַז אַ באַוווסטזיניקער פּראָלעטאַריער פאַרטיידיקט אַלע מאָל מער און קאָנסעקווענטער די אינטערעסן פון זיין פאָלק, ווי וואָס פאַראַ עס איז קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליסטישער עלעמענט! און דווקא דערפאַר, ווייל ער שטעלט די סאָציאַלע פראַגע אין דער ערשטער ריי. די מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג, אַז נאָר דורך קלאַסן־קאַמף — און צוזאַמען מיט די

פראָלעטאַריער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן — קען און וועט יעדע נאַציע זיך באַפרייען פון די אונטערדריקער און עקספּלואַטאַטאָרן, איז דאָך ביז איצט פאַר־בליבן דער קלאָרסטער אמת!

די ירידה צום בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם

פּ. נאָוויק שרייבט: „צוזאַמען מיטן אויפשטייג פון נאַציזם, איז געשטיגן דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין צווישן יידן. דערנאָך איז געקומען אַשוויענצים... טרעב־לינקע... מאַידאַנעק... באַבי־יאַר... פאַנאַר און אַ סך, אַ סך אַנדערע טויט־לאַגערן, גרוילהאַפטע שחיטה־ערטער... צווישן די זעקס מיליאָן דערמאָרדעטע יידן איז געווען אַ מיליאָן קינדער, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויף אַ ממש־אומ־גלויבלעכן באַרבאַרישן שטייגער, באַגראָבן און פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקער־הייט...". (אַרטיקל אין דער מ"פ „אַסימילאַציע, אָדער נאַציאָנאַלער ניהיליזם?" 28סטער יוני 1964).

און דאָ, פּאָלעמיזירנדיק מיטן פּראָפעסאָר בראַגינסקי פון ראַטן־פאַרבאַנד, פרעגט ער: „פּאַלט ניט אַ מאָל איין דעם פּראָפעסאָר בראַגינסקי, אַז דאָס האָט באמת געשאַפן אַן אַנדער לאַגע אין יידישן פאָלק; אַז ווען מען זאָל פאַרזעצן די ליניע פון צוואַנג־אַסימילאַציע, פון ניט סענסיטיווקייט צו די טיפסטע געפילן פון יידישן פאָלק, וועט מען נאָך צושטאַנד ברענגען געצוי דאָס, וואָס ער זוכט, הייסט עס צו באַקעמפן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם?".

...„די דאָזיקע ניטסענסיטיווקייט צו די ליידן פונעם יידישן פאָלק, בשעת דער מלחמה, האָט מעגלעך געמאַכט אַזעלכע פּראָדוקטן, ווי דאָס שענדלעכע ביכל „יודאַיזם אָן באַפּוצונגען". די דאָזיקע ניט סענסיטיווקייט האָט געפירט דערצו, מען זאָל גאָר אָנפאַלן אויף איינעם, וואָס איז אַ שטאָלץ פאַר דער סאָוועטישער ליטעראַטור, אויף יעווגעני יעווטושענקאָ, פאַר זיין פּאָעמע „באַבי־יאַר" — אַ פּאָעמע, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אינעם אָרגאַן פונעם סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד. (אַ לויב דעם שרייבער־פאַרבאַנד און זיין אָרגאַן פאַר דעם!).

...„פּראָפעסאָר בראַגינסקי קען מעגלעך ניט זיין אַזוי סענסיטיוו אין דעם עניז — און דאָס איז זיין רעכט. ער קען מעגלעך ניט אַכטונג געבן צו פאַרציי־כענען דעם יאָרטאָג פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, ווי מאַסן יידן (און ניט יידן) איבער דער גאַנצער וועלט טוען דאָס — און אויך דאָס איז זיין רעכט. ס'איז אָבער קיין ספק ניט, אַז ער דריקט ניט אויס די שטימונגען פון די יידישע מאַסן. ווער עס נעמט אים אָן, ווי איינעם, וואָס פאַרטרעט די יידישע מאַסן, באַגייט אַן ערנסטן טעות..." (דאָרטן).

קאָנען מיר דען עפּעס אויסזעצן וועגן דער צעווייטיקטקייט פון פּסח נאָוויק

וועגן דעם גרויסן יידישן חורבן, וואָס אין זיין בעסטיאַלישקייט, האָט ניט קיין פאַרגלייך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט? און זיינען מיר דען אַליין ניט צעווייטיקט פון אָט דער ווייט-ניט פאַרהיילטער וווּנד?

אָבער אַלס מענטשן און מאַרקסיסטן, באַנוגענען מיר זיך ניט מיט רייסן קריעה. מיט באַדעקן אונדזערע קעפּ מיט אַש, מיט וויינען וועלן מיר די זעקס מיליאָן קרבנות לעבעדיק ניט מאַכן! און איך וויל זיך דאָ מודה זיין, אַז פאַר מיר איז ניט געווען שטאַרק וויכטיק, צי מיינע ברידער און שוועסטער זיינען דאָרט געווען גיבורים, צי ניט — אַ דיסקוסיע, וואָס איז אַ לאַנגע צייט אָנגעגאַנגען און פאַרשוועכט די הייליקייט פון די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות, ווייל ווי קאָנען אויסזען הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע, הילפלאָזע, ניט באַוואָפנטע מאַסן קעגן אַ מאָדערנער, אויטאָמאַטיש-באַוואָפנטער מיט די שווערסטע טאַנקען און עראָפּלאַנען "אַרמיי? — כאָטש דער פאַקט פונעם וואַרשעווער געטאָ-אויפשטאַנד, איז אַן און פאַר זיך, געווען דער גרעסטער מענטשלעכער העראָיזם און אויסדרוק פון מוט, עטישקייט, און גבורה און דאָס דאַרף מען אייביק געדענקען. אַ ברייטע ליטעראַטור אין אַלע שפּראַכן, וואָס זאָל פאַרקריצן אין זכרון לדור-דורות די נאַצישע פאַרברעכנס און די העלדישע גבורה טאַטן, וואָלט אַוודאי וויכטיק געווען.

אָבער וואָס עס גייט אונדז איצט אין לעבן איז, אַז אַזעלכע קאַטאַסטראָפעס זאָלן זיך שוין קיין מאָל ניט איבערחזרן. אַן אַ געמיינזאַמען קאַמף פון אַלע פעלקער איז אַ צווייפל, צי וועלן מיר זיי קאָנען אויסמיידן. און נאָך אַ זאַך: כדי קעמפן קעגן זיי, דאַרפן מיר גענוי וויסן זייערע סיבות.

האָבן זיך דאָך באַלד נאָך דער שוידערלעכער קאַטאַסטראָפע, געפונען אַ שיין ביסל געלערנטע, סאָציאָלאָגן און פּסיכאָלאָגן, (צווישן זיי אַ שיין ביסל נאַציאָנאַליסטן), וואָס האָבן געוואָלט אויסלערנען אָט די רעטעניש. זיי האָט געעקבערט די פראַגע: ווי איז דאָס מעגלעך געווען, וואָס ביי אַזאַ גרויס-ציוויליזירט פאָלק, ווי דאָס דייטשישע, זאָלן זיך האָבן געפונען אַזוי פיל גזלנים, רוצחים? — געזוכט און געזוכט און פּסיכאָלאָגיש אַזאַ פענאָמען ניט געקענט אַנטשיידן...

פסח נאָוויק שרייבט: „נאָך פאַר דער מלחמה, בשעת דעם אויפשטייג פון נאַציזם, האָט געאָרג דימיטראָוו אויפגעהויבן אַ געשריי קעגן נאַציאָנאַלן ניהיליזם (אונטערגעשטראָכן פון פּ. נ.). ער האָט אָנגעוויזן, אַז לעניו קעמפנדיק קעגן בור-זשואַזן נאַציאָנאַליזם האָט אין 1914 געשריבן זיין עסעי וועגן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון די גרויס-רוסן..." (אין זעלבן אַרטיקל, מ"פ, 28סטער יוני 1964).

לעניו האָט טאָקע גערעדט וועגן נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון די גרויס-רוסן און אויף אַזוי פיל אויף וויפל עס איז אין זיי, אין די גרויס-רוסן, געווען סנאָביזם, גרויסהאַלטעריי און דראַנג צו פאַרשקלאַפן אַנדערע מינדערהייטן — האָט ער זיי בפירוש פאַרדאַמט. אָבער אויך די גרויס-רוסן האָבן געהאַט אַ גרויסע ירושה פון באַפרייונגס-אידעאַלן, און ער, לעניו, איז דעריבער געווען שטאָלץ מיט אָט דער ירושה. אָבער דאָס האָט דאָך, לחלוטין, ניט קיין שייכות מיט אָט דעם

ענין — פון זוכן די סיבות פאַר דער גרויזאַמקייט פון היטלעריזם. גראָד געאָרגי דימיטראָוו, וועמען נאָוויק דערמאָנט אין זיין אַרטיקל, האָט די סיבה פאַר דער גרויזאַמקייט פון פאַשיזם אונדז יאָ אַנגעוויזן. ער האָט אין זיין בוך „פאַשיזם" געגעבן אַ פולשטענדיקן אַנאַליז וועגן דעם תוך און תמצית פון נאַציזם און קלאָר אונדז באַוויזן, ווי דער אימפּעריאַליזם האָט עס אויסגעהאָדעוועט די נאַציסטישע שלאַנג...

הייסט דאָך דאָס, אַז ניט אין דער נאַציע איז דאָ געגאַנגען, נאָר אין אימ־פּעריאַליזם! האָבן מיר דאָך פון יענער צייט געהאַט אַ שיין ביסל דערפאַרונגען פון אַזעלכע גרויזאַמקייטן (פאַרשטייט זיך אין פאַרשיידענע גראַדאַציעס). אין קאָנגאָ, אין אינדאָנעזיע, אין וויעטנאַם און נאָך. און ווידער דורך די הערשער פון אַ גרויס־ציוויליזירט פאָלק — פון אַמעריקאַנער. אויך דאָ זיינען מיליאָנען מענטשן אויף אַ גרויזאַמען אופן פאַרניכטעט געוואָרן.

אין די אַלע גרויזאַמקייטן פאַלט די שולד אויף דער פאַרשאַלטענער סאָציאַלער סיסטעם און די הערשער, וואָס האַלטן זי אָן! און דאָ ווערן שוין די מיליאָנען פאַרניכטעטע אין דער היטלערישער אימפּעריע, אין קאָנגאָ, אין אינדאָנעזיע, אין וויעטנאַם — אַ פראַגע פון אַ מעכטיקן אויסגעשריי פון דער גאַנצער וועלט קעגן קאַפּיטאַליזם, קעגן אימפּעריאַליזם, קעגן אָט די גזלנים און רויבער! די פראַגע ווערט אָן איר „נאַציאָנאַלן" כאַראַקטער. זי ווערט אַוועקגעשטעלט שטאַר־קער און מעכטיקער, ווי דער מענטשלעכער סאָציאַלער אומרעכט!

מיר, מאַרקסיסטן, וויסן, אַז נאָר דורך קלאַסן־קאַמף, אַז נאָר דורך סאָציאַלע קאַמפן, וועלן מיר פּטור ווערן פון אַלע שווערע לעבנס־איבלען; אַז נאָר אין געמיינזאַמען קאַמף פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן קעגן די הערשער פון געגעבענעם לאַנד, קען יעדעס פאָלק דערגרייכן זיין פרייהייט; אַז עס קען ניט זיין פריי אַ פאָלק, וואָס אונטערדריקט אַ צווייט, אַז נאָר דורך קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם, וועלן מיר אָפּשטעלן אַלע מלחמות און אַלע בלוט־פאַרגיסונגען. דאָס האָבן אונדז געלערנט מאַרקס, ענגעלס, דאָס האָט אונדז געלערנט לענין.

אָבער פּסח נאָוויק האַלט, אַז ער איז מער פילבאַר צו זיין פאָלק און דעריבער איז ער מער איבערגעגעבן זיין פאָלק, ווי למשל, פּראָפעסאָר בראַגינסקי.

פּסח נאָוויק קען זיך האָבן זיינע אידייען, זיין נאַציאָנאַליזם. דער אומגליק איז אָבער, וואָס ער וויל אונדז איינרעדן, אַז דאָס איז די לערע פון מאַרקס, ענגעלס און לענין.

פאַלט ניט אַ מאָל איין פּ. נאָוויק, ווען ער קומט אַרויס צו אַ פייערונג, אָדער צו אַ לעקציע, פאַר וואָס ער גיט אָפּ אַזוי פיל צייט און ענערגיע אויפצובורויזן די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן אַרום דער „אייביקייט" און „הייליקייט" פון אונדזער גרויסער יידישער קולטור, וועגן יידישע נאַציאָנאַלע רעכט, מער ווי וועגן ציווילע רעכט בכלל?

וואָלט כדאַי געווען פאַר נאָוויקן זיך ערנסט פאַרטראַכטן: מיט וואָס קומט ער אַרויס צו די יידישע מאַסן, מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז מער פאַרגעשריטן

און גרענעצט זיך פרינציפּיעל אָפּ פון די שרייבער פון א „טאָג״? — וואָס טראָגט ער אַריין אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס איז מער וואָגיק און שיידט זיך אין גאַנצן אָפּ פון דעם בירגערלעכן נאַציאָנאַליזם? ווען מיר וועלן אַנאַליזירן דעם נאַציאָנאַלן אויפשוווּנג און זיינע סיבות, וועגן וועלכן פּסח נאָוויק האַלט איז אין ריידן, וועלן מיר געפינען דאָן, אין אַ גרויסער מאָס דעם שאָוויניזם.

נאָוויק פילט, אַז איצט איז גראָד די צייט, ווען דער נאַציאָנאַלער געפיל גייט אומעטום באַרג אַרויף און אַז אויך מיר, יידן, דאַרפן עפּעס טאָן. ער האָט מורא, מיר זאָלן חלילה: „אויך אונדזער שיף ניט אָנווערן״... און דאָ איז שוין נאָוויק נוטה מער צום בירגערלעכן נאַציאָנאַליזם, ווי צום סאָציאַליזם.

און אין דער התפעלות פאַר אָט דעם נאַציאָנאַלן אויפשוווּנג, שרייבט ער ווייטער:

„מען דאַרף פאַרשטיין, פאַר וואָס אַפריקע האָט אַזאַ צוציִונגסקראַפט פאַר די נעגער־מאַסן: אַפריקאַנער קליידער, געשיכטע, קולטור. עס האַנדלט זיך וועגן היסטאָרישער אידענטיטעט, וועגן: ,וויסן פון וואַנען אין אַפריקע מיין פאָלק איז געקומען׳, ווי דזשעימס באַלדווין האָט אויסגערופן. און דעריבער איז נאַטירלעך, ווי אַ ביישפּיל פון דעם, אַז יידן אין אַמעריקע, זאָלן האָבן אַן אינטערעס אין די לענדער פון וואַנען זיי זיינען נאָר וואָס, רעלאַטיוו, געקומען, ווו זיי זיינען געבאָרן און ווו זיי האָבן אייגענע?״ („נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט״).

און ער פרעגט: „איז ניט נאַטירלעך דער אינטערעס פון די יידן צו ישראל — אַן אינטערעס, וואָס האָט זיי דעריבער באַוועגט מיטצוהעלפן באַשאַפן מדינת ישראל און צו געבן איצט הילף אויף פאַרשיידענע אופנים?״ (הילף, וועמען? די דיינס, די בעגינס, די וויצמאַנס און זייער גלייכן, וואָס זיינען גרייט אָנצוצינדן אַפילו אַ וועלט־מלחמה און דינען די אינטערעסן פון דעם באַלעבאָס — די פאַר׳ שטאַטן פון אַמעריקע).

זיינען מיר דאָ מוחל נאָוויקן, ווי ער פאַרט צונויפמען די ענינים פון די צוויי גאַנץ־ווייט באַזונדערע מינדערהייטן, די נעגערישע און יידישע, וועמענס באַדינגונגען זיינען אין גאַנצן פאַרשיידן און וואָס איז ראַטזאַם און נאַטירלעך פאַר דער ערשטער, זאָל זיין אומנויטיק און קינסטלעך פאַר דער צווייטער.

מאַטעריאַליזם אָדער מעטאַפיזיק

פסח נאָוויק פאַרזיכערט אונדז, אַז ער האָט זיך פאַרטיפערט אין מאַרקסיזם. האָט ער ניט געלערנט, אַז מיטן בייטן זיך פון די פּראָדוקציע־מיטלען, בייטן זיך אויך די געזעלשאַפטלעכע פאַרמען און מיט זיי בייטן זיך אונדזערע באַגריפן, מיינונגען, אונדזער אופן פון באַנעמען זאַכן, אונדזער גאַנצע וועלט־אַנשויאונג און אַז דאָס אַלץ האָט אויך עפּעס צו טאָן מיט אונדזער באַגריף וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע?

דעם מאַטעריאַליסטישן מעטאָד, ד״ה דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, דעם דאָזיקן דערקענטעניש־פּראָצעס איז אין גאַנצן פרעמד, וואָסער ניט איז פּסיכאָ־לאָגישער, אידעאַליסטישער און אוודאי, מעטאַפיזישער צוגאַנג, ווי אַן „אייביקע״ און „הייליקע״ נאַציאָנאַלע פראַגע, ווי אַ איטשע גאָלדבערג וויל דאָס האָבן.

ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וואָס האָט שטודירט פילאָסאָפיע און אויך מאַרקסיזם, צוגייענדיק צו דער פראַגע „נאַציאָנאַליזם״, האָט געוווּסט, אַז ער קאָן זיך דאָ ניט באַנוצן מיט דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע. ער האָט געוווּסט, אַז אויך מיט קיין לאָגיק קאָן ער זיך דאָ ניט באַנוצן. „די צרה איז מיט דער ‚איינזעעניש׳ — שרייבט ער — אַז איר קאָנט די דאָזיקע אינעווייניקסטע קלאָר־זעונג אייערע, ניט איבערגעבן אַנדערע, דורך די מיטלען פונעם קלאָרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, מיט זיין לאָגישן דענקען און זיינע לאָגישע און טעאָרעטישע באַווייזן...״ (צווייטער באַנד „זכרונות״, ז׳ 62).

די נאָוויקס און סנהס מוזן אויך צוגיין צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, נאָר און אויסשליסלעך מיט דעם אידעאַליסטישן צוגאַנג און ווילן עס דווקא אויסטייטשן דורך אַ מאַרקסיסטישן פּילפּול און טערמינאָלאָגיע. און ווייל די פראַגע איז פאַר די מאַכן אין יעדער נאַציע נאָך אַלץ אַ זייער געפּילפּולע און סענסיטיווע, ווערט דאָ אָפּגעוואָרפן די אָביעקטיווקייט און לאָגיק און ניט באַמערקנדיק אַליין, ווערן זיי פאַרפּלאָנטערט און פאַרשוווּנקט אין אַ מין מעטאַפיזיק. („אַ זאַך, וואָס מען קען מיטן שכל־הישר ניט דערקלערן״).

איז נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל: כדי צו גיין צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, מוזן מיר שטענדיק און דורכויס זיך באַנוצן מיטן היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן צוגאַנג. באַטראַכטן זאַכן דיאַלעקטיש, לויט זייער אויפקום, תקופה, לויט דעם צושטאַנד פון זייערע פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן און אוודאי שענקען אויפמערק־זאַמקייט יעדן לאַנד באַזונדער, ווייל די אַנטוויקלונג פון די פעלקער, קומט ניט פאָר אין דער זעלבער מאָס אין יעדער באַשטימטער תקופה.

אין זיין בראָשור: „די אַמעריקאַנער יידן און די יידישע פּרעסע", האָט פּ. נאָוויק געשריבן:

„דער אינטערעס פון יידן אין איין לאַנד צו יידן אין אַנדערע לענדער, האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער שאָוויניסטישער איינשטעלונג פון אַ יידישער וועלט־נאַציע, אַ מין „סופּער־נאַציע". אַזאַ איינשטעלונג איז פאַלש און שעדלעך! אַמעריקאַנער יידן זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַמע־ריקאַנער נאַציע, און האָבן ניט קיין טאָפּלטע נאַציע־אַנגעהעריקייט. נאַציע איז פאַרבונדן מיט מלוכה, טעריטאָריע. אין דעם זין זיינען יידן אַ נאַציע נאָר אין ישראל, (כאָטש דאָרטן זיינען די אַראַבער אויך אַ טייל פון דער ישראל־נאַציע). נישט וועגן נאַציע האַנדלט זיך דאָ, נאָר וועגן געמיינזאַמע פאָלקס אינטערעסן, צווישן יידן, ווייל עס איז דאָ אַ יידיש פאָלק, ווייל כאָטש זיינע טיילן זיינען מלוכיש־אינטעגרירט אין פאַרשיידענע לענדער, האָבן זיי אָבער אַן אינטערעס איינער צום אַנדערן אין פאַרבינדונג צווישן זיך — און ניט נאָר צוליב דעם אַלגעמיינעם שונא — אַנטיסעמיטיזם. עס זיינען אויך פאַראַן אַנדערע פאַרבינדונגס־מאָמענטן, מערער וויכטיקערע, אָדער ווייניקער וויכטיקערע, ווי אַנטיסעמיטיזם — און דאָס זיינען געשיכטע פון יידישן פאָלק, קולטור, שפּראַך, טראַדיציע און ביי געוויסע טיילן — רעליגיע... און פאַמיליע־פעדעם שפּילן אַ ראָל...".

פּ. נאָוויק וויל דאָ באַגרינדן „וויסנשאַפטלעך", אַז כאָטש יידן זיינען איבער דער וועלט ניט קיין נאַציע (ווייל אין דעם זין, זיינען יידן נאָר אַ נאַציע אין ישראל) זיינען זיי דאָך אַ יידיש פאָלק, וואָס האָט איבער דער גאַנצער וועלט געמיינזאַמע אינטערעסן און דעריבער דאַרפן מיר דרינגען, אַז עס איז דאָ צווישן זיי אַלעמען אַן אידענטיטעט.

קאָנען מיר דען אָננעמען, אַז יידן אַלס פאָלק, צעשפּרייט און צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן געמיינזאַמע אינטערעסן? — אויב מיר אָנערקענען דאָס, הייסט דאָך, אַז מיר לייקענען אָפּ די סאָציאַלע אומגעבונג, די אָביעקטיווע, סאָציאַלע באַדינגונגען, און מיט זיי — די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן אַזאַ וויכטיקע השפעה אויף די עטנישע באַפעלקערונגען. זיינען דען די יידן אַן אויסנאַם פון אַלע פעלקער?

זאָגן, אַז קולטור, שפּראַך און טראַדיציעס זיינען עס די עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרבונדן די יידן איבער דער גאַנצער וועלט, איז מילד־גערעדט, וועלן אָוועקשטעלן אַ זאַך אויפן קאָפּ. אַז פאַמיליע־פעדעם שפּילן אַ ראָלע איז גאָר קיין ספק ניט, אָבער דאָס איז דאָך ניט קיין זאַך, וואָס אונטערשיידט די יידן פון אַלע אַנדערע פעלקער.

און גערעכט איז געווען איליאַ ערענבורג, ווען ער האָט אונטערשטראָכן סטאַלינס אויסדרוק: „וואָס פאַראַ נאַציע זיינען די יידן, וואָס לעבן צווישן גרוזינער, דאַגעסטאַנער, רוסישע, טערקישע און אַמעריקאַנער מענטשן, וואָס באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך פון זייערע לענדער, וווינען אויף פאַרשיידענע

טיילן פונעם ערד־קוגל, האָבן זיך קיין מאָל ניט באַגעגנט און וועלן זיך קיין מאָל ניט זען, ניט אין קריג און ניט אין פרידן...".

לעבן מיר דאָך איצט אין אַמעריקע אין איין לאַנד מיט דער זעלבער שפּראַך מיט די יידישע עקסטרעם־אָרטאָדאָקסישע רבנים אין ברוקלין און מיט די פאַשיסטישע פּאַגראָמשטשיקעס פון הרב כהנא און זיי זיינען ווייטער פון אונדז און אונדז פרעמדער, ווי וואָס פאַרן אַנדערע מינאָריטעט אין לאַנד!

מיר האַלטן דערביבער, אַז שוין אין 1962, בויגט זיך אָפּ פּ. נאָוויק פון קלאַסן שטאַנדפּונקט, פונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם. אַז שוין דאַן זוכט ער אַ פאַרענטפערונג פאַר זיין „אינטוּיטיווער איינזעעניש" — זיינע נאַציאָנאַליסטישע געפילן. שוין דאַן הויבט אַן דאָס האַרץ מנצח זיין די לאָגיק און די גרויסע יידישע קאַטאַסטראָפע רייסט אַרונטער זיין גלויבן אין סאָציאַליזם און דערביבער זיינען זיינע הנחות דורכויס פאַלשע.

און ווי באַלד די הנחה איז אַ פאַלשע מוז דאָך דער אויספיר זיין אַ פאַלשער. נאָוויק שרייבט:

„נעמט מען דאָס אַלץ אין אַכט, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז ניט אַלע אַמאָליקע פאָרמולירונגען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָבן זיך באַרעכטיקט אין דערווירקלעכקייט, ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. און אויב די „פאַקטן" פון לעבן שטימען ניט מיט דער באַשטימטער טעאָריע, איז קלאָר, אַז די טעאָריע איז ניט קיין ריכטיקע...". (נאָוויקס בראָשור: „די אַמעריקאַנער יידן און די יידישע פרעסע").

נאָוויק לערנט מיט אונדז אַ קאַפּיטל „מאַרקסיזם". ער שרייבט:

„ליידער זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס שטיצן זיך נאָך אויף די אָפּהאַנדלונגען פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און פאַר דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, אָפּגערעדט שוין פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם איצטיקן פעריאָד פון היסטאָרישן אויפשוונג פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג...". („נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט", ז' 6—7).

דאָ הויבט אָן קלאָר ווערן פאַר וואָס נאָוויק געפינט פאַר נייטיק איבערקוקן און רעווידירן אָפּהאַנדלונגען פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָפּהאַנדלונגען, וואָס האָבן דאַן געאַטעמט מיט רעוואָלוציאָנערן קאַמף. איצט אָבער געפינט ער, נאָוויק, זיי שוין פאַרעלטערט...

און ווי באַלד די אַלטע טעאָריעס זיינען ניט קיין ריכטיקע... איז דאָך ניט שייך, דאַרף מען זיי ניט נאָר רעווידירן, נאָר זיך אַ נעם טאָן צו שאַפן נייע. און ווי האָט געזאָגט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ווען ער האָט זיך אָפּגעוואָרפן פון זיינע סאָציאַליסטישע התחייבותן און אָנגעהויבן אַנאַליזירן זיינע אינטויטיווע געפילן: „אויסאיינען זיך מיט אָט דעם שטאַנדפּונקט, איז מיר געווען ניט אַזוי גרינג, אָבער ווען איך האָב אים דורכגענומען און פאַרשטאַנען, ווי דער סדר איז, און איינגעזען זיין פרינציפּיעלע וויכטיקייט, האָב איך אין אמתן דערשפּירט, ווי אַ מין גייסטיקע באַפרייונג...". (ב. 2 „זכרונות", ז' 62).

אַזוי איז זיי גרינגער

אַרויסקומען מיט שפּאָגל־נייע דעפיניציעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראָגע, אין דעם זיינען שוין אַ שיין ביסל מענטשן — אַ ביסעלע גרעסערע, ווי נאַוויק און סנה — מיאוס דורכגעפאַלן. אָטאָ באַוער און רודאָלף רענער (ספּרינגער), סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טעאָרעטיקער, פאַר זייער צייט, האָבן געפּרוווט דאָס טאָן. אָבער די סיבה פון זייערע קינדעריש נאַיווע באַגרינדונגען איז געווען כמעט די זעלבע, ווי זשיטלאָווסקיס, וואָס האָט, אגב, פון זיי אַ סך גענאַשט. אַלע האָבן זיך דאָ באַנוצט מיט דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע, געזוכט סיבות פּסיכאָלאָ־גישע, „אייביקע" און „ריין־מענטשלעכע" און כאָטש זיי זיינען געווען באַקאַנט מיט מאַרקסן, האָבן זיי דאָך פאַרקוקט דעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן צוגאַנג צו זאַכן.

לעצטנס האָט זיך אין אַמעריקע אַנטוויקלט אַן אַנדער דערשיינונג, אַ מער חוצפּהדיקע, אַ מער הפקרדיקע: איך מיין דאָ די באַמיִונגען פון משה סנה און פּסח נאַוויק. ביידע ווילן „באַנייען" דעם מאַרקסיזם. ביידע ווילן עפּעס צוטראָגן און אים „באַרייכערן". מיט אַנדערע ווערטער, אַריינטייטשן אין מאַרקסיזם עפּעס אַזוינס, וואָס איז זיי צום האַרצן...

צו דעם אַרטיקל: „די יידן־פּראָגע אין ליכט פון דער צייט" פון משה סנה פון 22, 29, 30סטן סעפּטעמבער און 6טן אָקטאָבער 1968, מאַכט די רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט" די פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„עס איז קיין ספק ניט, אַז מיט דער פאַרטיפטער מאַרקסיסטישער אַרבעט, האָט סנה געמאַכט אַ גרויסן צושטייער פאַר דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג, ווי פאַר יעדן איינעם, וואָס איז פאַרינטערעסירט אין דער נאַציאָ־נאַלער פּראָגע בכלל און דער יידישער בפרט. דאָס איז גאָר אַ ווערטפולער מאַטעריאַל פאַרן נאַכטראַכטן און פאַר דיסקוטירן וועגן דעם דאָזיקן זייער וויכטיקן ענין". (מיר וועלן שפּעטער באַרירן סנהס אַרטיקלען).

זייער טענה איז: „דער מאַרקסיזם איז פאַרעלטערט", לעניניזם האָט געגילט פאַר זיין צייט". און נאַוויק האַלט דאָ אין איין אונטערשטרייכן: „ס'זיינען צוגע־קומען אַ מאַסע נייע פּראָבלעמען" און ער קלאָגט: „פאַרגליווערטקייט" איז אַ ביי־טערע קללה, פאַרגליווערטקייט, דאָגמאַטיזם, שוין אָפּגערעדט פון „ניהיליזם", פון אין גאַנצן אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די נאַציאָנאַלע פּראָגע, פאַרזען דעם

נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, סענסיטיווקייט, נאַציאָנאַלע אינטערעסן". („נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט", ז' 3).

דאָ האָט איר דעם סאַמע תוך, דעם תמצית, וואָס קוועטשט אונדזער פּסח נאָוויק. ער האָט זיך דאָ אָנגעכאַפּט, ווי אַ מענטש, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי: „טעאָריעס דאַרפן אויסהאַלטן די פּראָבע פון דער צייט" און „לויט דער סיטואַציע — היינט — וויכטיקע דיאַלעקטישע אמתן"... מיר האָבן די דאָזיקע ווערטער שוין באַגעגנט אין סוף פון לעצטן י"ה, אויך אין 1903, 1907 און 1910 און דווקא ביי מענטשן, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט מיט זייער ווילן צו רעווידירן און „באַנייען" דעם מאַרקסיזם און וואָס איז גאָר ניט געווען אין די אינטערעסן פונעם אַרבעטער קלאַס; און דווקא ביי מענטשן, וועמען די געשיכטע האָט דערנאָך פאַרדאַמט.

האָט דאָך דער רעוויזיאָניסט בערנשטיין אויך אָנגעגעבן די זעלבע סיבה: „מאַרקס איז געווען גערעכט אין זיין צייט"; האָבן דאָך די „עקאָנאָמיסטן", ווי די „ליקווידאַטאָרן" זיך געהאַלטן מיט ציין און נעגל אין דער „פּראַקטישקייט" פון דער צייט. האָבן דאָך די סעמקאָווסקיס, ליבמאַנס, מעדעמס, גאָלדבלאַטס און אַנדערע, ווי לעניק, ווייזט אָן אין זיין אויבנדערמאָנטן בוך, זיך געהאַלטן ביי פּראָגן, „נעענטער צו זייער אייגן פאָלק"... וואָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען ניט מער, ווי נאַציאָנאַליסטישע קורצזיכטיקייט, וואָס האָט זיי פאַקטיש דערווייטערט פונעם אַלגעמיינעם קלאַסן־קאַמף, און פון די אמתע אינטערעסן פון זייער פאָלק.

נאָוויק שרייבט:

„מיר איז אויסגעקומען, זינט דעם 20סטן קאָנגרעס, אין 1956 און באַזונדער די לעצטע יאָרן צו שרייבן וועגן דער פּראָגע, באַרירן זי און באַריכטן אויף די „מאַרגן־פרייהייט" צוזאַמענפאָרן, ריידן וועגן די פּראָ־בלעמען פונעם יידישן פאָלק. עס איז מיר אויסגעקומען צו שרייבן עטלעכע אַרטיקלען אין 1965, בעת דער שפּאַלטונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ישראל. אָנווייזן אויפן דאָגמאַטיזם און ניהיליזם פון דער מאיר ווילנער־גרופּע. אין פאַרבינדונג מיט אָט די אָפּהאַנדלונגען, איז מיר אויסגעקומען ווענדן זיך צו אַלטע קוואַלן, צו דער לעניו־פּאָלעמיק מיט ראָזע לוקסעמבורג, צו שמעון דימאַנשטיינס אָפּהאַנדלונגען אין דער פּראָגע, ווענדן זיך צו אַ ריי וויכטיקע אַרטיקלען אין דער סאָוועטישער פּעריאָדיק, די לעצטע יאָרן..." (דאָרטן, זז' 3, 4).

לויט דער זיכערקייט פון דערציילן דעם עולם אין אַמעריקע, ווי ער, נאָוויק, האָט זיך עס אַריינגעטראַכט אין אָט דעם ענין, וואָלט אויסגעקומען, אַז ער איז זיכער געווען דער גערעכטער אין דער אָפּשאַצונג פון די חלוקי־דעות צווישן משה סנה און מאיר ווילנער; אַז ער איז געווען אויף לענינס צד, ווען דער לעצ־טער האָט געפירט אַ פּאָלעמיק מיט ראָזע לוקסעמבורג... און אין דער נאַציאָנאַלער פּראָגע, האַלט נאָוויק זיכער מיט לענינען.

אָט ווי מען נעמט ביי אונדז דעם עולם אויף זיכער! (ווייסנדיק, אַז דער עולם,

וואָס מען האָט אַליין יאָרן־לאַנג דערצויגן, וועט זיך ניט נעמען די מי, זיך אַריינ־טראַכטן אין די זעלבע מאַטעריאַלן...).

איז זאָל דאָ באַצייטנס קלאָר ווערן: א) אין דער שפּאַלטונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ישראל, איז משה סנה, מיקוניס, ווילענסקאָ און זייער חברותא, אַוועק אויפן נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישן וועג און אַז די קאָמוניסטישע וועלט־באַוועגונג אַנערקענט די ווילנער־טובי־פּאַרטיי, אַלס די איינציקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ישראל. ס'זיינען ניטאָ און ס'קענען ניט זיין קיין צוויי קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין ישראל. דאָס איז געווען דער באַשלוס פון די 81 קאָמוניסטישע פּאַרטייען אויף דער לעצטער קאָנפערענץ אין מאָסקווע (נאָוועמבער 1969).

אוודאי, וועט פאַר אַ סך זיין מאָדנע דער גאַנצער ענין. זיי קענען פרעגן: אויף די שפּאַלטן פון דער „מאָרגן־פרייהייט", עקזיסטירט דאָך נאָך ביז היינט צו טאָג דער „טאָבו" אויף אַרויסטרעטונגען פון מ. ווילנער, ת. טובי א"אַנד.

די מ"פ באַנוצט דאָ דעם, אונדז־אַלעמען באַוווסטן, מעטאָד פונעם „פאָרווערטס", ניט צו דערמאָנען דעם נאָמען פון אַ קעגנער. אָבער פאַר וואָס קלאַפּט מען אין יעדער צייטונג וועגן דער כלומרשטער „קאָמוניסטישער (?!) פּאַרטיי פון משה סנה"? ווייל דאָס איז נאָך אַלץ אַ תרופה אין אַמעריקע, צו די אומגעהויערע גרויסע געלט קאַמפּאַניעס. פירט מען דאָ, הייסט עס, אַ צווייענדיקע פּאָליטיק: „מען האַלט זיך שטאַל און אייזן פאַר אַ „קאָמוניסטישער" פּאַרטיי אין ישראל און מען גרענעצט זיך אין גאַנצן אָפּ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע! וואָס איז דאָס — חוצפה, הפקרות, צי עפּעס ערגערס?...

ב) נאָוויק דערמאָנט דאָ לעבינס אַרויסטריט קעגן ראָזע לוקסעמבורג אין זיין אַרטיקל און גייט פאַרביי אין גאַנצן אָט דעם ענין. ווייסן מיר דאָך אָבער, אַז לעבינס אַרויסטריט קעגן ראָזע לוקסעמבורג איז דווקא געווען פאַרבונדן נאָר און אויסשליסלעך מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, איז פאַר וואָס פאַרבייגיין לעבינעז, ווי עס וואָלט געווען אין גאַנצן אַ זייטיקער ענין?

וואָלט נאָוויק אָנגעוויזן אויף די טעותן, וואָס ראָזע לוקסעמבורג איז דאָן באַגאַנגען און ווי אַזוי דער אומשטערבלעכער לעניך, האָט דאָ באַרירט דעם תוך און תמצית פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָלט די פראַגע איצט, איבער 50 יאָר שפּעטער, נאָך אַלץ געווען אַקטועל און וואָלט געטראָפן אין זיין, נאָוויקס, שטעלונג.

ג) נאָוויק וויל מאַכן דעם איינדרוק, אַז בלויז אים איז געלונגען דורכשטודירן די נאַציאָנאַלע פראַגע. ער שרייבט: „עס איז מיר אויסגעקומען זיך ווענדן צו אַלטע קוואַלן און צו דער סאָוועטישער פעריאָדיק, די לעצטע יאָרן". (פונקט, ווי אָט די מאַטעריאַלן זיינען פאַרן ברייטן עולם ניט דערגרייכבאַר און מיר דאַרפן זיך פאַרלאָזן אויף נאָוויקס יושר!...).

ליגט דאָ פאַר מיר איצט אַ בוך; אַ זאַמלונג פון אַלע לעבינס ווערק וועגן

דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אַרויסגעגעבן פון די אינטערנעשאָנאַל־פּאַבלישערס אין ניו־יאָרק, ווו מיר האָבן וואָרט אין וואָרט לעניניס גאַנצע פּאָלעמיק מיט ראָזע לוקסעמבורג. און ניט נאָר דאָס אַליין — אַלץ אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין אַלע אירע פאַזן.

דאָס בוך: „נאַציאָנאַלע באַפרייונג, סאָציאַליזם און אימפּעריאַליזם" באַרירט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע ביז דער זעלבסטבאַשטימונג. ס'קומט באמת אַ יישר־כוח די אינטערנעשאָנאַל פּאַבלישערס! און אַרויסגעגעבן האָבן זיי אָט די אַלע לעניניס אַרטיקלען, געשריבן פון לענינען אין 1913 און דווקא נאָך דעם, ווי „עס זיינען שוין צוגעקומען אַ מאַסע נייע פּראָבלעמען", דווקא אין נאָוועמבער 1968!

לייענט איר און לייענט נאָך אַ מאָל אָט די זאַמלונג און איר ווערט פּשוט דערשיטערט! ווי אַזוי דערלויבן זיך די נאַוויקס אַזעלכע גראָבע, אומגעלומפּערטע פאַרקר־פלונגען פון דעם גרויסן לענין.

מען דערלויבט זיך אַרויסנעמען פונעם „קאָנטעקסט", וואָס מען וויל און „וואָס איז ניט צום האַרצן" שפּרינגט מען איבער, אָדער מען פאַרשווייגט אין גאַנצן...

אונטערן מאַנטל פון „דיאַלעקטיק"

אַרויפשלעפנדיק אויף זיך דעם „דיאַלעקטישן מאַנטל", האָט מען דאָ אַ קלאָרן און קאָנקרעטן מיין: מאַרקס טעאָריעס, לענינס טעאָריעס זיינען איצט שוין אָפּגעלעבט. צייטן האָבן זיך געביטן, נייע סיטואַציעס האָבן זיך געשאַפן און דאָס, וואָס איז געווען ריכטיק פאַר מאַרקסן און לענינען, איז שוין ניט גילטיק היינט!... קורץ: „די טעאָריעס האַלטן ניט אויס די פּראָבע פון דער צייט"...

ווי שוין געזאָגט, נאַוויק איז דאָ ניט אַרויסגעקומען מיט עפּעס ניי. רעוויזיאָניזם און נאַציאָנאַליסטישע צוטשעפּעניש, האָבן מיר שוין ניט איין מאָל באַגעגנט אין דער געשיכטע. ניט נאָר האָבן אייניקע געוואָלט רעווידירן דעם מאַרקסיזם, נאָר אַ סך האָבן זיך לכתחילה ניט געקאָנט אַריינלעבן אין די מאַרקסיסטישע רייען, ווי די בונדיסטן: מעדעם, גאָלדבלאַט; די מענשעוויקעס: סעמקאָווסקי, מאַרטאָוו און אַנד. זיי זיינען געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר זייער „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע". די יידן זיינען דאָ ניט געווען קיין אויסנאָם. דעם זעלבן רעוויזיאָניזם באַגעגנען מיר אויך ביי טשעכן, עסטרייכער, קאַווקאַזער און אַנדערע.

אָבער דער געשריי פון „נייע צייטן", „נייע סיטואַציעס" און „אַ מאַסע נייע פּראָבלעמען", זיינען דאָך ניט מער, ווי אַן אויסגעשריי פון מענטשן, וואָס

אַנטלויפן פון שלאַכט. מענטשן, וואָס ווילן זייער רענעגאַציע פאַרדעקן מיט אַ פייגן־בלאַט און דווקא פון דיאַלעקטיק... אַז דער מאַרקסיזם־לעניניזם איז אין גאַנצן ניט פאַרעלטערט געוואָרן, ווי אונדזערע שונאים ווילן עס האָבן, האָבן באַשטעטיקט די 81 דעלעגאַציעס פון קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט אויף דער לעצטער קאָנפערענץ אין מאָסקווע. פאַרקערט, אין די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ, איז מער ווי שטענדיק אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז דער לעניניזם האָט קלאָר פאָרויסגעזען די קאַמפן, וואָס אונדז קומט אויס איצט צו פירן מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. נאָך מער, באַטראַכטנדיק די איצטיקע קאַמפן, האָבן די 81 קאָמוניסטישע פּאַרטייען מיטן גרעסטן יראת־הכבוד, זיך ניט געקענט אָפּ־וווּנדערן, ווי דער פירער פון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין דער וועלט, האָט מיט איבער 50 יאָר צוריק געקענט פאָראויסזען אָט די „סיטואַציע", אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט.

אוודאי, דאַרפן מיר, בלי־ספק, צופּאַסן אונדזערע קאַמפן צו די באַדינגונגען און דער תקופה און אַלע זיינען מיט דעם מסכים. אָבער ווי קומט דאָ אַריין אין אָט דעם גראַנדיעזן מאַרקסיסטישן בנין אַ ריין פסיכאָלאָגישע דערשיינונג, אַ מין „איינריידעניש פון הערשנדיקן קלאַס", פון אַ „פאָלקס־איינקייט", פון „שטענדיקע און אייביקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן", וואָס האָט קיין מאָל ניט געקענט זיין, ווייל אין אַלע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיטן צווייטנס בלוט און שוויס, מיטן צווייטנס האָרעוואַניע ?

אָט דאָס צאַפּן דעם צווייטנס בלוט און שוויס, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם איבער דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע און וואָס אונדזער ציל איז — דאָס אָפּצושאַפן — איז די וויסנשאַפטלעכע לערע פון מאַרקסיזם־לעניניזם. און כאָטש פון דער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג אין אַ פּרימיטיוון שבט פון די אַלטע און מיטלאַלטערלעכע צייטן ביז איצטיקע אימפּעריאַליסטישע קאַרטעלן איז אַ גאַנץ־ווייטער מהלך, איז אין תוך גענומען די עקספּלואַטאַציע, לפי־ערך די זעלבע און נאָר די מיטלען האָבן זיך דאָ געביטן. עס אונטערליגט ניט קיין פראַגע, אַז אויך מיר, וואָס ווילן פאַרניכטן אָט די עקספּלואַטאַציע, בייטן אויך אונדזערע מיטלען. דער ציל, אָבער, די פּרינציפּן, בלייבן די זעלבע.

מיר ווייסן, למשל, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן געגעבן די פולע אַקטיווע אונטערשטיצונג פוילן אין איר פאָדערונג פאַר איר אומאָפּהענגיקייט אין די 40קער יאָרן פון פי"ה, כאָטש דער אויפשטאַנד איז דאַן געווען ניט פון די ברייטע מאַסן, נאָר פונעם פוילישן פּריצנטום. שפּעטער האָבן זיי זייער מיינונג אין גאַנצן געביטן. דאָס איז געווען נאַטירלעך, ווייל אויף וויפל אַלע סלאַווישע לענדער זיינען געווען אָפּגעשטאַנען און הכנעה׳דיק אונטערגעוואָרפן דער אונטערדריקונג פון די פּריצים, וואָלט אַזאַ אויפשטאַנד געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע ווירקונג אויף אַלע אַרומיקע פעלקער. אָבער אויף וויפל די סיטואַציע האָט זיך אין פוילן געביטן, מיטן אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט, ווען מיר זעען שוין דאָ דעם אָנהויב פון אַ קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם ; ווען עס הויבן זיך שוין אָן אַנטוויקלען

זעלבסטשטענדיקע דעמאָקראַטישע באַוועגונגען און אַפילו פּראָלעטאַרישע אָרגאַ־ניזאַציעס באַמערקן זיך שוין ביי די סלאַווישע פעלקער, ווערט דער צוגאַנג פון מאַרקס און ענגעלס צו אַט דעם ענין שוין גאָר אַן אַנדערער.

אויף אַן ענלעכן אופן חזרט זיך דאָ איבער די פראַגע פון ענגלאַנד און אירלאַנד. אויך דאָ בייט זיין צוגאַנג מאַרקס. אין אַ בריוו צו ענגעלסן פון 2טן נאָוועמבער 1867, שרייבט מאַרקס: „איך פלעג שטענדיק טראַכטן, אַז די צעטיילונג צווישן ענגלאַנד און אירלאַנד איז אוממעגלעך, אָבער איך טראַכט איצט, אַז אַזאַ צעטיילונג איז אומפאַרמיידלעך, אויב אַפילו נאָך דער צעטיילונג, זאָל מעגלעך קומען אַ פעדעראַציע...״.

דאָס הייסט, אַז אונדזערע קלאַסיקער האָבן יאָ געביטן זייער מיינונג, לויט דער סיטואַציע, וואָס האָט זיך דאָ און דאָרטן אַנטוויקלט. דאָ קענען זיך אַנכאַפּן, ווי אין אַן „אבן־טוב״ סנה און נאָוויק. אַ! וועלן זיי טענהן: הייסט דאָך דאָס, אַז אונדזערע קלאַסיקער האָבן יאָ געביטן זייער מיינונג „לויט דער אַנטוויקלטער סיטואַציע״!

אַוודאי האָבן זיי געביטן זייער צוגאַנג, אָבער ניט זייער ציל, ניט די פּרינ־ציפּן. דער ציל איז געבליבן דער זעלבער — ער איז געווען און געבליבן צו באַפרייען פוילן, אָדער אירלאַנד... לאָמיר זיך דאָ דערלויבן געבן אַ גאַנץ פּרי־מיטיוון ביישפּיל (כאָטש אַזאַ ביישפּיל נעמט מערסטנס ניט אַרום אַלע אַספּעקטן פון דער געגעבענער פראַגע און דעריבער איז ער שטענדיק ווייט פון פולקומקייט). אַ הונגעריקער וואָלף רייסט זיך אַריין אין אַן אַמאָליקן הילפלאָזן דאָרף און מאַכט אַן אַ חורבן. דאָס גאַנצע דאָרף מענער, ווער מיט אַ האַק, ווער מיט אַ דובינע, הויבט אָן אים נאָכלויפן און פאַרטרייבן. דער וואָלף דערשרעקט זיך, פאַרטייעט זיך אַרום אַביימל און הויבט אָן לויפן אין אַן אַנדער ריכטונג. די פּויערים באַמערקן עס און בייטן אויך זייער ריכטונג. אָבער מיטן בייטן זייער ריכטונג האָבן די פּויערים זיכער ניט געביטן זייער ציל. דער ציל איז געבליבן דער זעלבער — צו פאַרניכטן דעם וואָלף.

נאָוויק און סנה פאַרגעסן, אַז ביי זיי גייט בפירוש אין בייטן די גרונט פּרינציפּן וגופא. אין אינטערנאַציאָנאַלן קלאַסן־קאַמף פירן זיי אַריין אַלס אַ באַ־שטאַנד־טייל דעם נאַציאָנאַליזם, אַן עלעמענט צו צעטיילן דעם פּראָלעטאַריאַט און צו צערייסן זיינע רייען, וואָס איז דורות־לאַנג געווען אַן „אבן־נגף״ אין געייניקטן קאַמף. אָט די נאַציאָנאַליסטישע געפילן שטעלן זיי דווקא אין דער ערשטער ריי... אין פאָדערגרונט.

נאָך מער, נאָוויק און סנה פּרעטענדירן, אַז דווקא אויף נאַציאָנאַלע יסודות וועט מען מער דערפאָלגרייך קענען פירן דעם קאַמף.

אין זיין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל: „די יידן־פראַגע אין ליכט פון דער צייט״, שרייבט סנה: „דער פּרינציפּיעלער צוגאַנג פון מאַרקסיזם־לעניניזם איז צו באַפרידיקן די נאַציאָנאַלע באַדערפענישן, כדי צו עפענען פאַר די אַרבעטנדיקע

מאָסן דעם וועג צום קלאַסן־קאַמף פאַרן סאָציאַליזם...". (מ"פ, 30סטער סעפּ־טעמבער 1968).

אַבי מיר האָבן שטענדיק געטראַכט, אַז דער וועג צום קלאַסן־קאַמף, ליגט גאָר אין דער מדרגה פון עקספּלואַטאַציע און אין דעם אופן פון אָרגאַניזירן די אַרבעטער...

און ווייטער: „דאָס אַנעמען אַזאַ פּרינציפּיעלן, פּראָגראַמאַטישן צוגאַנג איז פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט פאַר די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער, כדי די יידישע אַרבעטער, די יידישע פאָלקס־שיכטן און די יידישע אינטעליגענץ אין די דאָזיקע לענדער, זאָלן וויסן, וואָס זיי האָבן צו דער־וואַרטן פון דעם צוקונפטיקן סאָציאַליסטישן רעזשים אין זין פון זייערע נאַציאָ־נאַלע ענינים און כדי זיי זאָלן אומשטאַנד זיין צו מאָביליזירן מיט פולער ענערגיע און ענטוזיאַזם זייערע כוחות צום קאַמף פאַרן זיג פון סאָציאַליזם אין זייערע לענדער". (דאָרטן).

וואָס פאַרא „מעשטשאַנסטווא", וואָס פאַרא קליינבירגערלעכקייט הערט זיך אין אָט די ווערטער! די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זאָלן צופרידן שטעלן די נאַ־ציאָנאַלע אינטערעסן (?) אפשר, ביז ישיבות, ווו מען זאָל לערנען גמרא און משניות און צוויי פאַר תפילין און ציצות? און דערפאַר וועלן אָט די נאַציאָ־נאַליסטיש־געשטימטע, ווערן גוטע ענטוזיאַסטישע קעמפער פאַרן סאָציאַליזם. אַ גוטער סוחרישער חוש!...

און מאַקע, ווי אַזוי קענען מיר בעסער באַפרידיקן די נאַציאָנאַליסטישע געפילן, אויב ניט מיט די רעליגיעזע הצטרכותן?...

אגב, האָט פּסח נאָוויק אויף זיין 75יאָריקן יובילײ אין לאָס־אַנדזשעלעס, דערקלערט: „קודם־כל, דאַרף מען זיין אַ גוטער, איבערגעגעבענער ייד, כדי מען זאָל קענען זיין אַ גוטער אינטערנאַציאָנאַליסט! אַ מענטש, וואָס איז ניט גרייט מקריב זיין זיך פאַר זיין אייגן פאָלק, וועט ניט זיין גרייט מקריב זיין זיך פאַר דער מענטשהייט...". אַ גאַנץ פיינע לאָגיק! מיר קאָנען דאָ אָפּפרעגן די פעיקייט און ווילקייט פון מאַרקסן צו באַפרייען די מענטשהייט.

מאַרקס שרייבט דעם 20סטן יוני 1868, נאָך אַ דיסקוסיע, אין 1טן אינ־טערנאַציאָנאַל אַרום דער פראַגע פון מלחמה: „דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיין דער לעצטער צו מאַכן אַ פעטיש פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע". (לעניִנס אויבנ־דערמאָנטער בוך, ז' 87).

ניט ווילנדיק הויבן זיך אָן פאַרגנבענען ביי אייך ספקות, ווו שטייט איצט דער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט"? אויף וואָסער זייט פון דער באַרי־קאַדע? — איז דער נאַציאָנאַליזם ביי אים אַן ענין, וואָס אין געוויסע תקופות און ביי געוויסע באַדינגונגען, דאַרף ער און מוז צוהעלפן דעם קלאַסן־קאַמף, ד"ה ער וועט פאַרגיכערן די באַפרייונג פון דער מענטשהייט, אָדער איז דער „נאַציאָנאַליזם" פאַר זיך אַליין דער ציל, דער עיקר?

וואָלט נאָוויק ערנסט פאַרשטאַנען דעם מאַרקסיזם, וואָלט ער דאָך זיכער

ניט אַריינגעפאַלן אין אַזעלכע פּיליסטערישע פאַרגלייכונגען פון אַ נעגערישער און יידישער מינדערהייטס-פראַגע; וואָלט ער זיכער ניט געקומען צו אַזעלכע אויספירן, אַז אויב די נעגערישע מינאָריטעט פאָדערט איצט, אַז אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, זאָל מען לערנען זייער געשיכטע, דעריבער דאַרף אויך די יידישע מינאָריטעט אַרויסשטעלן די זעלבע פאָדערונג...

דאָס הייסט לחלוטין ניט, אַז מיר יידן, דאָ אין אַמעריקע האָבן ניט אונדזערע אייגענע פּראָבלעמען. אוודאי האָבן מיר זיי! אויך אונדז באַראַבעוועט מען פון אונדזערע ציווילע רעכט. עס שטייט פאַר אונדז אין דער גאַנצער ברייט דער קאַמף פאַר גלייכע, ציווילע רעכט אין די אינדוסטריעס, פון וועלכע מיר זיינען נאָך אַלץ אויסגעשלאָסן; אין די אוניווערסיטעטן און אַקאַדעמיעס, ווו עס איז נאָך אַלץ פאַראַן פאַר אונדז באַגרענעצונגען. אָדער די באַרויבטע רעכט, וואָס מיר האָבן יאָרן־לאַנג געהאַט, אַז אַ ייד זאָל זיין פאַרטראָטן אין סופּרעם־קאָורט (העכסטן געריכט) און נאָך און נאָך פראַגעס.

אוודאי מוזן מיר אונטערשטרייכן, אַז די רעכט פון דער נעגערישער באַפעל־קערונג גייט אונדז, יידן, אָן, אַז אויב יידן וועלן זיך אַקטיוו ניט באַטייליקן אין זייער קאַמף, ווערן שוין מיט דעם אַליין פאַרנאַכלעסיקט אונדזערע אייגענע ציווילע פרייהייטן און דאָס דאַרפן מיר שטענדיק געדענקען און אונטערשטרייכן!

וואָלט פסח נאַוויק זיך באַצויגן מיט מער יראת־הכבוד צו די אומשטערבלעכע ווערק פון לעניגען און ניט פאַרקוקט און ניט פאַרזען וויכטיקע הנחות; און דער עיקר. זיין ערלעך און ניט אַרויסנעמען גראָד נאָר דאָס, וואָס פּאַסט זיך פאַר זיין פּאָלעמיק; וואָלט ער זיך מער פאַרטיפט אין די קרישטאָל־קלאָרע קוואַלן פונעם מאַרקסיסטישן געדאַנק, וואָלט ער זיכער זיך ניט באַדאַרפט אָנכאַפּן אין משה סנה און אין זיין „געוואַגטקייט" צוצוטרעטן צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע — פון נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפונקט, „לויט דער סיטואַציע היינט".

מיט זיין חברן זיך מיט משה סנה, כאָטש דער לעצטער צעגייט זיך אָפיציעל מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און איז געוואָרן אַן אויסגעשראָ־כענער אַנטי־קאָמוניסט, אַנטי־סאָוועטישער העצער און עקספּאַנסיאָניסט; מיט זיין אָנגענעמען סנהס „וויסנשאַפטלעכע הנחות", אַלס תורת־משה און זיין שפּרינגען „קדוש" פאַר זיינע נעאָ־ציוניסטישע דעפיניציעס אַרום דער נאַציאָנאַלער פראַגע, כדי „באַרייכערן" דעם מאַרקסיזם; מיט זיין פירן אַ פּאָליטישע ליניע, איזאָלירט פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג — דערווייטערט ער זיך אַליין פון די, וואָס טראָגן ביז היינט צו טאָג די מאַרקסיסטישע פאָן!

וואָלט ער, לכל־הפחות, געהאַט דעם מוט און די ערלעכקייט צוגעבן אין זיין אייגענער צייטונג, אַז ער צעגייט זיך מיטן לעניניזם, מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און דערציילן אָפנהאַרציק און קלאָר, פאַר וואָס ער צעגייט זיך מיט איר — דאַן וואָלט זיך געמוזט אַנטוויקלען אַ דיסקוסיע. אָבער דער

רעדאַקטאָר פון מאָרגן־פרייהייט האָט ניט דעם מוט דאָס צו טאָן. פאַרבאָרגט מען אָט דעם ענין פון די אייגענע לייענער.

נאָוויק ווענדט זיך אָבער מיט זיין רעוויזיאָניסטיש וואָרט אין אַ ציַיטונג, וואָס איז פאַר די ברייטע מאַסן — אַ באַוועגונגס־צייטונג. פאַר זיי שטייט פריער די באַוועגונג און ערשט דערנאָך די צייטונג. און ניט נאָר דאָס: ער ווירקט אויף דער פּראָגרעסיווער פרעסע אין אייראָפּע און קאַנאַדע און עס באַקומט זיך אַ מין יידישער „כוואָסטיזם" פון דער הייַנטיקער צייט.

נאָוויקס אָפּנייגן

אין וואָס באַשטייט די רעוויזיאָניסטישע אָפּנייגן פון פסח נאָוויק?

א) אין אַפּלייקענען אונדזערע קלאַסיקער. נאָוויק שרייבט:

„ד"ר סנה איז מיט אויסערגעוויינלעכער קלאָרקייט, מיט ערודיציע און דער געהעריקער נייטיקער געוואַגטקייט צוגעטראָטן צו דער נאַציאָ־נאַלער פראַגע".(דאָ רעדט זיך וועגן די 4 אַרטיקלען, „די יידן־פּראָגע אין ליכט פון דער צייט", געדרוקט אין דער מ"פ דעם 22, 29 און 30טן סעפּטעמבער און 6טן אָקטאָבער 1968).

„...די דאָזיקע סיטואַציע באַווייזט ערשט, ווי פעלערהאַפט עס איז — און איז געווען אַ לאַנגע צייט, אויב ניט פון סאַמע אָנהויב — סטאַלינס: „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע", דער לאַנג־יאָריקער האַנט־בוך פון מאַרקסיסטן אין דער דאָזיקער פראַגע. עס איז באמת אַ וווּנדער, ווי אַזוי מען האָט זיך געקאָנט האַלטן, שוין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און שוין נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, אַפילו ביי אַ טעאָרעטיש ביכל, וואָס איז אַרויס אין 1913, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און פאַר דער אָקטאָבער רעוואָלוציע!" („נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין ליכט פון דערווירקלעכקייט", ז' 9).

דער ביטול צו די הנחות פון מאַרקסיזם, איז אויסגערעכנט גראָד מיטן אָנהייבן פון סטאַלינען... (צוליב דער גרויסער טראַגעדיע פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי פאַר אים גופא) הייסט דאָס, ס'איז ניט קיין ענין פון אויפקלערן, קלאָר מאַכן, קאָנסטרוקטיווקייט, נאָר פון דעסטרוקציע... פאַרן סנהן — אַן ענין פון נקמה; פאַר נאָוויקן — אַן ענין פון באַרעכטיקן זיין פּאָלעמיק. דער אמת איז, אַז סטאַלינס און לענינס דעפיניציעס אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע זיינען איינע און די זעלבע.

ב) דאָס אויסטייטשן סטאַלינס „באַגריף וועגן נאַציע".

סנה און נאָוויק האַלטן סטאַלינס באַגריף, אַז „אַ נאַציע איז ניט נאָר אַ היסטאָרישער באַגריף פון אַ באַשטימטער תקופה, נאָר פון דער תקופה

פון דעם זיך־אַנטוויקלענדיקן קאַפּיטאַליזם״ — איז דורך און דורך אַ פאַלשער. אַזוי האַלט סנה און מיט אים, פאַרשטייט זיך, פסח נאַוויק...

נאַוויק דערמאָנט מיר דאָ אין ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, כאָטש דער לעצטער איז געווען מער געלערנט און ערלעכער און דאַך האָט ער מורא געהאַט פאַר אַ צאָרנדיקן אָפּרוף פון די לייענער און זיך ניט געוואָלט איינרייסן מיט מאַרקסן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער פראַגע פון „אייביקע אמתן״, „אייביקן יושר״, „אייביקע שיינקייט״, אָבער זעט איר, אַנטקעגן ענגעלסן, האָט ער געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן... אַזוי אויך נאַוויק, אויב ער באַנעמט זיך מיט אַ געוויסן אָפּשיי צו לענינען, האָט ער זיך גענומען ביד־חזקה צו סטאַלינען.

איז לאָמיר זען, וואָס לענין האָט צו זאָגן וועגן דער זעלבער פראַגע. לענין שרייבט:

„איבער דער גאַנצער וועלט, ווערט דער פּעריאָד פון ענדגילטיקן ניצחון פון קאַפּיטאַליזם איבערן פעאָדאַליזם, שטענדיק פאַרבונדן מיט נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. פאַר דעם פולשטענדיקן ניצחון פון סחורה־פּראָדוקציע מוז די בורזשואַזיע פאַרכאַפּן די היימישע מערק און עס מוזן געשאַפן ווערן פּאָליטיש־פאַראייניקטע טעריטאָריעס, וועמענס באַפעל־קערונג זאָל ריידן די זעלבע שפּראַך. דערביי, מוזן באַזייטיקט ווערן אַלע מניעות פאַר דער קאָנסאָלידאַציע פון דער ליטעראַטור. און אין דעם, איז די באַזע פאַר נאַציאָנאַלע באַוועגונגען...

„...שפּראַך איז אַ אַוויכטיקער פאַקטאָר פאַרן מענטשלעכן פאַרקער. איינהייט און אומגעשטערטקייט פון דער שפּראַך, זיינען די וויכטיקסטע באַדינגונגען פאַר אַן אמתן פאַרשפּרייטן האַנדל, אין דער פאַזע צוגעפּאַסט צום מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם...״ (לענין, נאַציאָנאַלע באַפרייאונג״, סאָציאַ־ליזם און אימפּעריאַליזם, ז׳ 46).

„...דעריבער די טענדענץ פון יעדער נאַציאָנאַלער באַוועגונג: דאָס גרינדן נאַציאָנאַלע שטאַטן, אונטער וועלכע די פאָדערונגען פונעם מאָדער־נעם קאַפּיטאַליזם, ווערן אַמערסטנס באַפרידיקט. די מער ערנסטע פאַק־טאָרן טרייבן צו דעם ציל און דעריבער זיינען ניט נאָר איבער מערב־אייראָפּע, נאָר איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, די נאַציאָנאַלע שטאַטן טיפּיש און נאָרמאַל פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן פּעריאָד...״. (דאָרטן ז׳ 47).

„...פונעם שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלע פאַרהעלטעניש, איז די בעסטע באַדינגונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, בלי־ספק, דער נאַציאָנאַלער שטאַט. דאָס הייסט נאָך ניט, אַז אַזאַ שטאַט קען באַזייטיקן די עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג פון נאַציעס. דאָס הייסט אָבער, אַז מאַרקסיסטן קאָנען ניט פאַרזען די מעכטיקע עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, ווי דאָס שטעלט מיט זיך פאַר דאָס צוויילן און דאָס שאַפן אַזעלכע נאַציאָנאַלע שטאַטן״. (דאָרטן ז׳ 50).

„...די קאַטעגאָרישע פאָדערונג פון אַ מאַרקסיסטישער טעאָריע איז, אַז יעדע סאָציאַלע פראַגע, זאָל באַטראַכט ווערן אין אירע דעפיניטיווע, היסטאָרישע גרענעצן, נעמענדיק אין אַכט יעדעס לאַנד באַזונדער. קודם, דאַרפן מיר מאַכן קלאָר דעם חילוק צווישן די צוויי באַזונדערע פעריאָדן, וואָס אונטערשיידן זיך ראַדיקאַל אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. א) די צייט פון צוזאַמענברעכן פון פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם, די צייט, ווען עס ווערן פאָרמירט די בורזשואַז־דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט און דער שטאַט. ווען די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ווערן מאַסן־באַוועגונגען אין איין וועג, אָדער אַ צווייטן; דורך דער באַטייליקונג פון דער באַפעלקערונג אין פּאָליטיק, פּרעסע און רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציעס. ב) די צייט, ווען די קאַפּיטאַליסטישע שטאַטן, זיינען שוין פולשטענדיק עטאַבלירט מיט אַ לאַנג איינגעשטעלטן קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים אין אַ הויך־אַנטוויקלטן אַנטאַגאָניזם צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע, וואָס איז דער ערב פונעם קאַפּיטאַליסטישן אונטערגאַנג.

„...די טיפּישע סימנים פונעם צווייטן פעריאָד איז דאָס פעלן פון בורזשואַז־דעמאָקראַטישע מאַסן־באַוועגונגען און דער פאַקט, וואָס דער אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליזם, האָט צו ביסלעך אָפּגעווישט די נאַציעס, וואָס זיינען שוין פולשטענדיק אַריינגעצויגן געוואָרן אין קאָמערציעלן פאַרקער צו אַזאַ מדרגה, וואָס רוקט אַרויס אין פאָדערגרונט דעם אַנטאַגאָניזם צווישן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַראייניקטן קאַפּיטאַל און דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס־באַוועגונג...". (דאָרטן, ז' 51).

מיר האָבן זיך בכיוון באריכות אָפּגעשטעלט אויף לענינען, כדי צו ווייזן, ווי מענטשן נעמען זיך דאָס רעכט זיך צו וואַרפן מיט ווערטער און אונטערשרייבן אַ „ונתנה־תוקף" אויף די, אָדער יענע מאַרקסיסטישע באַגריפן. איר זעט קלאָר, אַז סטאַלין האָט וועגן דער אַנטשטייונג פון נאַציעס, געהאַט דעם זעלבן אידענ־טישן באַגריף ווי לענין.

נאָך עפּעס דאַרפן מיר לערנען פון אָט די זייער וויכטיקע ציטאַטן: א) אַז שפּראַך איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון מענטשלעכן פאַרקער און דעריבער דאָס גרינדן פון נאַציאָנאַלע שטאַטן, אונטער וועלכע די פאָדערונגען פון דעם מאָדער־נעם קאַפּיטאַליזם ווערן אַממערסטן באַפרידיקט. ב) אַז נאַציאָנאַלע שטאַטן אַן און פאַר זיך זיינען ניט קיין ציל פאַרן אַרבעטער, ווייל „דאָס הייסט נאָך ניט אַז אַ שטאַט קאָן באַזייטיקן די עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג..." און ג) די צוויי באַזונדערע פעריאָדן, וואָס אונטערשיידן זיך ראַדיקאַל אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ווען אין ערשטן שפּילן די נאַציאָנאַלע שטאַטן אַ קאָנ־סטרוקטיווע ראָלע פאַר די ברייטע מאַסן, נעמען זיי אָן אין צווייטן פעריאָד אָן אַנדער כאַראַקטער.

ווי נעבעכדיק ווערט דאָ די לאָגיק פון די סנהס, נאַוויקס, מירסקיס און סלאָ־וועסעס!

אַוודאַי קאָנען מיר באַלד אַ טראַכט טאָן: אויב דער באַגריף פון נאַציע איז פון אַ באַשטימטער תקופה און דאָס הייסט, פון דער תקופה פונעם זיך אַנטוויקלענדיקן קאַפּיטאַליזם, איז ווי אַזוי קאָנען מיר דערקלערן די דערשיינונג פון פאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווי אָט למשל, די יידישע נאַציע? — אַזוי באַטראַכטן זאַכן, וואָלט געווען דורך און דורך דאָגמאַטיש. די קלאַסיקער פון מאַרקסיזם, זיינען געווען באַקאַנט מיט דער געשיכטע, פונקט ווי מיר. וואָס לעניין האָט דאָ פעסטגעשטעלט איז, אַז אויך נאַציאָנאַליטעט, פונקט ווי אַנדערע דערשיינונגען, איז ניט קיין באַגריף, וואָס מען קאָן נאָר פעשטעלן אין דער אַבסטראַציע. ווי באַוער האָט עס אָוועקגעשטעלט; איז ניט קיין רעלאַטיווער באַגריף, ווי זשיטלאָווסקי האָט דאָס געוואָלט האָבן און איז אַוודאַי ניט קיין איראַציאָנעלער באַגריף, ווי אונדזערע ניי-געבאַקענע „פירער״ שטעלן אים איצט אַוועק. נאָר איז אַ דערשיינונג, וואָס ווערט אונטערגעוואָרפן, צוגלייך ווי אַלע אַנדערע, דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס, די פּראָדוקציע-פאַרהעלטענישן, וואָס זיינען, ווי מיר ווייסן, אַ פועל יוצא פון די פּראָדוקציע-מיטלען.

אַוואַדאַי האָבן מאַרקס, ענגעלס לעניין געוווסט, ווי אַלט דאָס יידישע פאָלק איז. זיי האָבן אָבער אויך דאָ געזען די זעלבע סיבה פאַר די נאַציאָנאַלע פאַר־העלטענישן דאָן ווי היינט.

נאָוויק שרייבט אין זיין אַרטיקל: „צוזאַמען דערמיט פאַלט אָפּ די שטייפקייט פון סטאַלינס פאָרמולירונג, אַז אַ נאַציע מוז האָבן די פיר עלעמענטן: אַ בשות־פותדיקע שפּראַך, טעריטאָריע, עקאָנאָמיק און גייסטיקע סיסטעם און אויב אַפילו איינער פון די עלעמענטן פעלט, איז שוין, הייסט עס, די נאַציע קיין נאַציע ניט...״.

לויבנדיק סנה׳ן אין טאָג אַריין, גייט צו נאָוויק צו דער דעפיניציע פון לעצטן, וואָס איז לויט זיין (נאָוויקס) מיינונג — אַן אויסגעהאַלטן דיאַלעקטישע.

פֿאַרשיידענע דעפֿיניציעס
וועגן דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע

א) זשיטלאָווסקיס דעפֿיניציע פֿון „נאַציע״

לויט זשיטלאָווסקין זיינען די סימנים פֿון אַ נאַציאָנאַליטעט ניט קיין אַבסאָ־לוטע, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז דורך און דורך רעלאַטיוו, אַזוינס, וואָס ווייזט זיך אַרויס נאָר דעמאָלט, ווען איין נאַציע ווערט פֿאַרגליכן מיטן אַן אַנדערער. ער שרייבט: „די טולער ביי זיך אין דער היים שיידן זיך ניט אָפּ פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון גאַנץ רוסלאַנד. אָבער די זעלבע טולער אין קאַנאַדע, ווערן מיט אַ מאָל אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט...״. ביי זשיטלאָווסקין קומט אַרויס, אַז ווען מיר שטודירן אַ נאַציע, דאַרף אונדז ניט אינטערעסירן דאָס, וואָס מאַכט זיי ענלעך, נאָר דווקא דאָס, וואָס אונטערשיידט זיי איינס פֿון צווייטן. „די טולער וואָלטן זיך אונטערשיידט פֿון די קאַנאַדער מיט אַ סך סימנים און צווישן זיי אויך דאָס, וואָס זיי זיינען ‚פּראַוואָסלאַוונע׳. טראַגט איר אָבער אַריבער די טולער צו די קליין־רוסן, אָדער קיין גאַליציע, ווו די באַפֿעלקערונג איז אַ פּראַוואָסלאַוונע און די רעליגיע וועט דאָ אויפֿהערן צו שפּילן אַ סימן פֿון נאַציע. הייסט דאָס, אַז די טולער זיינען אין פֿאַרגלייך מיט די קליינרוסן ווייניקער נאַציאָנאַליטעט, ווי מיט די קאַנאַדער און ווערן אויס צו זיין אַ נאַציע אין פֿאַרגלייך מיט די גרויס־רוסן...״.

און ווייל די דעפֿיניציע איז געבויט נאָר אויפֿן פֿאַרגלייך, נעגירט זשיט־לאָווסקי דעריבער, אין גאַנצן אַ קאָנקרעטע דעפֿיניציע און ער קומט דעריבער צום באַשלוס, אַז אַ נאַציע איז דורכויס ניט קיין אַבסטראַקטער באַגריף, נאָר אַ רעלאַטיווער.

אַפֿילו אין דעם פֿאַל, געפֿינען מיר אין דער דעפֿיניציע אַ סך סתירות. למשל, זשיטלאָווסקי גיט צו, אַז דאָס איז אַ גרופּע פֿון מענטשן, וואָס האָט אין משך פֿון דורות געלעבט צוזאַמען. און אויב צוזאַמען, האָבן זיי דאָך געמוזט האָבן אַ לאַנד, אַ טעריטאָריע, ווייל ווי אַנדערש וואָלטן זיי במשך פֿון דורות געקענט לעבן צוזאַמען? — און אויב צוזאַמען, מיט וואָס האָבן זיי זיך פֿאַר־נומען? פֿון וואַנען האָבן זיי געצויגן זייער חיונה? און דאָ וואָלט דאָך, לויטן מצב פֿון זייער קולטור, זיך געמוזט איינשטעלן אַ געוויסע עקאָנאָמיק? — אָבער זשיטלאָווסקי פֿאַרזעט דאָס אַלץ. זשיטלאָווסקי באַנוגנט זיך דאָ דעריבער נאָר מיט אַ בשותּפֿותדיקער קולטורעלער סביבה. אָבער אַ קולטורעלע סביבה,

אויסער אַ סטאַבילער עקאָנאָמיק, וואָס העגנט ערגעץ, פאַר זיך, אין דער לופטן, איז דאָך אויך ניט דענקבאַר.

די צרה איז, וואָס זשיטלאָווסקי גייט צו צום ענין „נאַציע" מיט דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע, וואָס קאָן אָפט דערלאָזן אַפילו אין שטרענגן דענקען, אַזעלכע סתירות... זשיטלאָווסקי האָט אין דער גרעסטער מאָס גענומען זיינע באַגריפן פון די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירער פון דער עסטרייכישער שול און דעריבער אַזאַ צוגאַנג.

די עסטרייכישע שול איז געווען די, וואָס האָט אין יענער צייט פּרעטענ-דירט אויף טעאָרעטישער פירערשאַפט (רודאָלף רענער [ספרינגער] און אָטאָ באַוער).

ב) רענערס דעפיניציע

„אַ נאַציע — זאָגט רענער — איז אַן איינהייט פון ענלעך-דענקענדיקע און ענלעך-ריידנדיקע מענטשן. אַ קולטורעלע געזעלשאַפט פון היינטוועלטיקע (מאָדערנע) מענטשן, מער ניט צוגעבונדן צו דער ערד...". (די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, לייפּציג, 1902, ז' 35).

לויט רענערן קומט אויס, אַז אויב זיי ריידן נאָר איין שפּראַך און זייער דענקען איז אין געוויסע אופנים ענלעך, זיינען זיי שוין אַ נאַציע. גוט, איז ווידער, אויב אַזאַ געמיינדע לעבט צוזאַמען, האָט איין שפּראַך און זייער דענקען איז ענלעך, דאַרפן זיי דאָך האָבן אַן אַלגעמיינע עקאָנאָמיק? — שטעלט זיך דאָ רענער, אַלס אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, די פראַגע, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געמיינדע? איז זי דיפערענצירט אין באַזונדערע קלאַסן? פון רענערן איז דאָ זיכער ניט קלאָר דער ענין. זיין דעפיניציע איז ענלעך צו זשיטלאָווסקיס (און אפשר גיכער פאַרקערט?) און איז דורכויס פאָרמולירט אַלס אַבסטראַקציע און זיין צוגאַנג איז דאָ אויך אַן אידעאַליסטישער.

ג) אָטאָ באַוערס דעפיניציע

אָטאָ באַוערס דעפיניציע איז: „אַ נאַציע איז אַ רעלאַטיווע געמיינדע פון אַן ענלעכן כאַראַקטער". אָבער וואָס איז איר נאַציאָנאַלער כאַראַקטער? — ווייל אונטערן וואָרט: „כאַראַקטער" מיינט ער דאָך זיכער די סומע פון כאַראַקטע-ריסטישע שטריכן, וואָס אונטערשיידט איין נאַציע פון דער צווייטער. „דער כאַראַקטער פון מענטש — זאָגט באַוער — ווערט באַשטימט אין דער גרעסטער מאָס פון זיין גורל...". דאָס הייסט: „אַ נאַציע איז ניט מער, ווי אַ געמיינדע פונעם זעלבן גורל...". וואָס איז אין זיך גופא אַ פועל-יוצא פון זייער פּראָדוקציע און ווי אַזוי זיי פאַרטיילן די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט...".

מיר האָבן דאָ אַ געמיינדע, וואָס איז באַזירט אויף אַ געמיינזאַמען גורל, אָבער ניט פאַרבונדן מיט קיין טעריטאָריע, ניט מיט קיין שפּראַך, ניט מיט קיין עקאָנאָמישן לעבן. איז וואָס פאַראַ נאַציאָנאַלע געמיינדע קאָן זיין צווישן

מענטשן, וואָס זיינען צווישן זיך עקאָנאָמיש ניט פאַרבונדן, לעבן אין באַזונדערע טעריטאָריעס און פון דור צו דור ריידן באַזונדערע שפּראַכן? — (סטאַלין).

באָוער אַליין איז גאָר ניט זיכער מיט זיין אייגענער דעפיניציע; ער פרעגט, למשל, די ענגלענדער און אירלענדער ריידן דאָך איין שפּראַך און זיינען קיין מאָל ניט געווען קיין איין נאַציע. און פאַרקערט, די יידן האָבן ניט קיין שפּראַך און פון דעסט וועגן זיינען זיי אַ נאַציע?

באָוערס לעצטע באַהויפּטונג, שטעלט אויך סטאַלין אונטער אַ פראַגע־צייכן. ער פרעגט: „צו וואָס פאַרא נאַציע געהערן די יידן פון גרוזיע, דאַגעסטאַן, רוסלאַנד, טערקיי און אַמעריקע — מענטשן, וואָס באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך פון זייערע לענדער, וווינען אויף פאַרשיידענע טיילן פונעם גאַנצן ערד־קוגל, האָבן זיך קיין מאָל ניט באַגעגנט און וועלן זיך קיין מאָל ניט זען, ניט אין פרידן און ניט אין קריג?". (סטאַלין, מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע, ז' 16).

נאָוויק, מאַכנדיק צונישט סטאַלינס לעניניסטישן בוך וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האַלט אָבער, אַז סנהס אָפּהאַנדלונג איז „אַ וויכטיקע און צייטיקע און איז אַ גרויסער ביישטייער אויף פאַר ניט יידן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווייל די יידישע פראַגע איז דאָך ניט קיין פראַגע נאָר פאַר יידן...". (דאָרטן, ז' 11).

ד) משה סנהס דעפיניציע

„דאָס יידישע פאָלק — גיט אָן אַלס דעפיניציע מ. סנה — איז אַ היסטאָרישע שותפות פון אַ ציבור מענטשן מיט פאַרשיידענע קלאַסן־אָנגעהעריקייטן, וועלכע איז אַנטשטאַנען דורך אַ ריי פאַרייניקטע פאַקטאָרן — דעם עטנאָ־גענעטישן, דעם רעליגיעזן, דעם נאַציאָנאַלן...".

אַז אַ נאַציע איז אַ ציבור פון מענטשן, וואָס לעבן צוזאַמען, ווייסן מיר שוין פון לאַנג. אויף דעם האָט מען ניט באַדאַרפט אָפּגעבן צופיל אינטע־לעקטועלע אַרבעט. נאָר וואָס־זשע דען, סנה באַווייזט אונדז פון וואַנען אָט דער קיבוץ איז אַנטשטאַנען.

עס וואָלט זיך באַדאַרפט דאַכטן, אַז מענטשן, ווי סנה און נאָוויק, וואָלטן באַדאַרפט זיין נענטער צום עקאָנאָמישן פאַקטאָר, צו די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, צו דער סיבה, פאַר וואָס האָט די געשיכטע אין גאַנצן אַרויס־געררוקט אַזאַ דערשיינונג, ווי נאַציעס?

אָבער ניין. זיי זיינען גאַנץ ווייט דערפון. זיי גייען צו צו דער פראַגע ניט מיטן מאַטעריאַליסטישן, נאָר דווקא מיט דעם אידעאַליסטישן צוגאַנג. זיי זיינען ניט ווייט אַוועק פון זשיטלאָווסקין, רענערן און באָוערן. פאַרקערט, לויט מיין מיינונג, איז זשיטלאָווסקי פון לאָגישן שטאַנדפּונקט אַוועק אַ סך ווייטער פון זיי. אָפּמאַכנדיק ביי זיך, אַז אָט די פראַגע פון „נאַציאָנאַליזם" קען מען באַנעמען נאָר מיט דער „אינטואיציע", שטעלט ער די פראַגע אַוועק אַלס אַ רעלאַטיווע. סנה פאַרקערט, איז דאָ נאָענט צו אַזעלכע בורזשואַזע געלערנטע, ווי באַקל, דרעפּער, פאַר וועלכע עס עקזיסטירן ניט קיין ספּעציפישקייטן פון פעלקער,

נאָר אַלע באַשטייען פון אַ גאַנצער מענטשהייט און ווערט אַוועקגעשטעלט „וויזאַ־ווי" צו דער נאַטור. און דעריבער רוקט סנה אַרויס דעם ערשטן פאַקטאָר דעם עטנאָ־געגנעטישן. עס איז מילד גערעדט, אַ קינדערישע פּלאַפּלעריי; ראשית, חזרט זיך דאָ אומדירעקט איבער זשיטלאָווסקיס באַהויפּטונג, אַז ביים געבוירן, ברענגט מיט זיך דאָס קינד די ירושה פון זיינע עלטערן. דערייבער ווו און אויף וועלכן טייל פון ערד־קוגל דאָס קינד זאָל פאַרוואָרפן ווערן, טראָגט עס אין זיך די געמיינשאַפטלעכע נאַציאָנאַלע שטריכן.

והשנית, פרעגן מיר: וואָס טראָגט דאָ צו דער עטנישער פאַקטאָר? — שפּילט ניט קיין לפי־ערך אַ גרעסערע ראָל די עפּאָכע און פאַזע (מדרגה) פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען?

און ווידער, אויב באַטראַכטן דעם עטנישן פאַקטאָר, דאַרף דאָ אַריינגענומען ווערן דער ענין טעריטאָריע, ווו אַ באַשטימטער קיבוץ לעבט זיך צוזאַמען און דאָס פאַרשווייגט אין גאַנצן סנה. לויט סנה, זיינען געשאַפן און פאַרפולקומט געוואָרן נאַציעס נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַזוי ווי רעליגיע שפּילט אויך אַ באַדייטנדיקע ראָלע, איז אויב „געשאַפן געוואָרן" איז וואָס? האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד זיי געגעבן רעליגיעס? רעליגיע האָט דאָך געקאָנט זיין אַ וויכ־טיקער פאַקטאָר נאָר אין די גאָר אַלטע און מיטלאַלטערלעכע צייטן!

און צום סוף, דאָס סאַמע לעכערלעכסטע: דער „נאַציאָנאַלער פאַקטאָר". סנה באַנוצט זיך דאָ מיט דער לאָגיק: ס'איז ליכטיק ווייל עס איז ליכטיק. דער נאַציאָנאַליזם האָט אין זיך דעם נאַציאָנאַלן פאַקטאָר. קלאָר, דער באַרג האָט דאָ געבוירן אַ מויז... אַזוי זעט אויס דער „דיאַלעקטישער צוגאַנג און די פּאַרטיפּטע, קלאָר־פאָרמולירטע אָפּהאַנדלונג!".

ה) סטאַלינס לעניניסטישע דעפיניציע

סטאַלין שרייבט: „אַ נאַציע איז אַ היסטאָריש־אַנטוויקלטע, שטאַנדהאַפטיקע געזעלשאַפט מיט אַ געמיינזאַמער שפּראַך, טעריטאָריע, עקאָנאָמיש־לעבן און פּסיכאָלאָגישן באַשטאַנד אין אַ קולטור־געזעלשאַפט".

איר האָט דאָ אַ שטאַנדהאַפטיקע געזעלשאַפט, דאָס הייסט, פאַר יאָרן־לאַנג אַ צוזאַמענגעלעבטער קיבוץ, מיט אַ געמיינזאַמער עקאָנאָמיק, וואָס האָט איר געמיינזאַמע שפּראַך (די באַזע פאַר געמיינזאַמער קולטור־אַרבעט) אין געמיינזאַמע טעריטאָריע. (וועגן ענין טעריטאָריע וועלן מיר שפּעטער, באריכות, מוזן ריידן) און אַזאַ לעבן האָט נאַטירלעך געמוזט אַרויסרוקן איר אייגענע קולטור און יאָרן־לאַנג האָט זיך געקאָנט שאַפן איר אייגענע, אייגנטימלעכע צו איר אַליין, פּסיכאָלאָגישע שטריכן.

די דאָזיקע דעפיניציע, איז דורכויס אַ פּראָדוקט פונעם מאַטעריאַליסטיש־דיאַלעקטישן צוגאַנג. דאָס, וואָס זי איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1913 איז ניט קיין חסרון, ווייל וויסנשאַפטלעך און היסטאָריש איז זי ריכטיק.

ניט אין דער דעפיניציע
איז דער ענין

די מעשה איז דאָך אָבער, וואָס ביידן, אי סנהן, אי נאָוויקן, גייט אָן די דעפיניציע „נאַציע״ ווי דער פּאַראַגראַפער שני. דאָס איז דאָך ניט מער, ווי אַ סכאָלאַסטישע איבונג, אַ מין פּילפּול פון די אַמאָליקע ישיבה־בחורים, מיט וועלכן מען וויל פאַרדעקן די אמתע באַציונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. ביידע זיינען געוואָרן מער נאַציאָנאַליסטיש געשטימט און ביידע שטעלן לעצטנס אַוועק די נאַציאָנאַלע פראַגע אין פאָדערגרונט. סנה איז אַנטאַגאָניסטיש צוליב דעם צוגאַנג פונעם ר״פ צו ישראל (און וויל גאָר ניט וויסן, אַז דער אומגליקלעכער צוגאַנג איז גאָר פון „ישראל צום ראַטן־פאַרבאַנד״). זיין צוגאַנג צו די אַראַבישע פעלקער איז פון אויבן אַראָפּ, ער איז פול מיט גרויסהאַלטונג און ער באַטראַכט זיי, ווי מיטלאַלטערלעכע, פעאָדאַלע, אָפּגעשטאַנענע לענדער, וואָס האָבן זיך פאַר די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערטער אין גאַנצן ניט איבערגעביטן.

פון דער צווייטער זייט, האָט זיך נאָוויק זיינע אייגענע קריוודעס. ער פאַרגעסט נאָך ניט די גרויסע קאַטאַסטראָפע אין דער סטאַלין־ערע; ער דערוואַרט, אַז די יידישע קולטור־אַרבעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָלט באַדאַרפט זיין אויב ניט גרעסער, איז לכל־הדעות, כאָטשבי אויף אַזוי פיל, ווי זי איז געווען אין די ערשטע 15-20 יאָר, באַלד נאָך דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פאַרגעסנדיק, אַז דעמאָלט זיינען דאָך געווען אַנדערע אָביעקטיווע באַדינגונגען און גרויסע קאָמפּאַקטע יידיש־רעדנדיקע מאַסן אין געוויסע געגנטן.

דער אונטערשיידט צווישן אים און סנה איז: אויב נאָוויק וואָרפט דאָ און דאָרטן אַריין אַ שפּילקע, קומט אַרויס סנה אַזוי אָפט קעגן ראַטן־פאַרבאַנד און שיפּעט ווי אַ שלאַנג...

און אפשר איז שוין דער ריס אַ סך גרעסער און דער תהום צווישן זיי און דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אַ סך טיפער. אייגנטלעך זיינען זיי ניט צופרידן, ניט נאָר מיט דער קאָסיגין־ברעזשניעוו־פּאָדגאָרני פירערשאַפט, נאָר די אומצופרידנקייט איז אַ פועל־יוצא שוין פון לאַנגע יאָרן פריער. סנה ווייזט אָן, אַז די באַציונג צו יידן איז פאַרקריפּלט געוואָרן נאָך פון מאַרקס־צייטן, אויב ניט נאָך פון פריער — פון דער צייט פון דער פראַנצייזישער (בורזשואַזער) רעוואָלוציע. און דאָ האָט סנה און נאָוויק גענומען אויף זיך אַ גאָר שווערע „מיסיע״ צו רעווידירן דעם גאַנצן מאַרקסיזם.

מיר לייענען אין סנהס אַרטיקל: „דער אמת איז, אַז אין דער גאַנצער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, קומט פאָר אין אים אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי קעגנזעצלעכע טענדענצן: די טענדענץ פון אויסמישן זיך מיט די אַרומיקע פעלקער, די טענדענץ פון אַסימילאַציע; און די טענדענץ פון אָפּהיטן די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן, די טענדענץ פון קאַמף פאַרן אייגענעם קיום, טראָץ דעם אויסערלעכן דרוק זיך צו אַסימילירן און דעם אינערלעכן דראַנג זיך אַליין אַסימילירן.

פון אָט די צוויי טענדענצן, האָט די קאָמוניסטישע טעאָריע אָנגענומען די אַסימילאַציע, אַלס די פּראָגרעסיווע טענדענץ און דאַקעגן האָט זי געפּסל׳ט די טענדענץ אָפּצוהיטן דעם אייגענעם יידישן קיום, אַלס רעאַקציאָנערע קליינ־קעפּלדיקייט און נאַציאָנאַליסטישע אָפּגעשלאָסנקייט..." (די יידן פראַגע אין ליכט פון דער צייט" מ"פ, 22, 29 און 30טן סעפּטעמבער און 6טן אָקטאָבער 1968).
און ווייטער: „די קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע דענקער האָבן איבער־גענומען דעם דאָזיקן אַסימילאַטאָרישן צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע ביורשה פון זייערע פאָרגייער נאָך פון דער צייט פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָ־לוציע, ווען עס איז אויף דער גרינדונגס פאַרזאַמלונג, דעם 22טן אָקטאָבער 1789 פּראָקלאַמירט געוואָרן: „דעם ייד אַלס מענטש — אַלץ; די יידן אַלס כלל — גאָרנישט".

„...ניט בלויז מאַרקס, לענין, סטאַלין האָבן פאַרגעזעצט די דאָזיקע ליניע, נאָר אויך קאַוטסקי, באַוער און רענער (שפּרינגער) און הגם אין זייער אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָבן זיי געהאַט פיל מיינונגספאַרשיידנהייטן, אָבער אין דער באַציונג צו דער יידישער פראַגע, האָבן זיי געהאַט איין און די זעלבע תשובה: „אַסימילאַציע פון די יידן איז די העכסטע גענאַד פונעם פּראָגרעס...". (דאָרטן).

זיינען מיר מוחל משה סנה די „מאַרקסיסטישע" טעאָריעס, אַז אין דער גאַנצער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק, קומט פאָר אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי עקסטרעם־קעגנזעצלעכע ט ע נ ד ע נ צ ן. ביי משה סנה איז דאָ גאָרניט קיין פראַגע, אַז אַ פאָלק אַנטוויקלט זיך לויט געוויסע אָביעקטיווע באַדינגונגען און אוודאי איז דאָ גאָר ניט נייטיק, ווי מאַרקס האָט אונדז געלערנט, צו באַטראַכטן יעדע סאָציאַלע דערשיינונג, לויט אירע דעפינירטע היסטאָרישע גרענעצן, נאָר דאָ איז פון גאָט אַליין איינגעפלאַנצט געוואָרן אין דער יידישער געשיכטע, אַ מין „ויתרוצצו" פון די צוויי קעגנזאַצלעכע טענדענצן...

אין זיין אַרטיקל: „נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אין ליכט פון דער וויקלעכ־קייט", שרייבט פ. נאָוויק: „ד"ר סנה וואַרפט אָפּ מיט רעכט די טעאָריעס פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, באַזונדערס פון קאַוטסקין וועגן דער פּראָגרע־סיווקייט פון אַסימילאַציע; ווייזט אָן אויף וויפל לעבינס ווערק פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען געווען באַאיינפלוסט פון די דאָזיקע טעאָריעס

און אויף וויפל לענין האָט זיי אָפּגעוואָרפן אין זיין פּראַקטיק נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע...". (דאָרטן, ז' 10).

מיר וויסן אָבער גאַנץ קלאָר, אַז קאָוטסקי האָט דאָ ניט נאָר געהאַט אין זינען, נאָר געמאָלן דעם פּראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, די אַנטשטייונג פון די גרויסע שטעט, דאָס פּראָלעטאַריזירן זיך פון די ברייטע מאַסן און דעם פּראָצעס פון אינטעגראַציע פון פאַרשיידענע מינדערהייטן און פעלקערשאַפטן און אַנגענומען אָט דעם פּראָצעס, פאַרשטייט זיך, אַלס פּראָגרעסיוו.

נאָוויק פאָלט אָן אויף קאָוטסקין פאַר זיין באַצייכענען אַסימילאַציע, אַלס פּראָגרעסיוו. ער שרייבט: "קאָוטסקי האָט געצילט מיט זיין בוך באַקעמפן אַנטי־סעמיטיזם פון איין זייט און ציוניזם פון דער אַנדערער זייט. אָפּגעהיט זאָל מען אָבער ווערן פון אַזאַ מין באַקעמפן, סיי דעם אַנטיסעמיטיזם און סיי דעם ציוניזם! קאָוטסקי האָט געזוכט צו לייזן דעם ענין גאָר "גרינטלעך" — דורך אָפּשאַפן דאָס יידישע פאָלק!". (דאָרטן, ז' 5).

ס'איז כדאַי צו זען, וואָס זאָגט לענין וועגן דער זעלבער פראַגע. לענין שרייבט: "שוין פאַר עטלעכע דעקאַדעס גייט אָן אַ באַשטימטער פּראָצעס צו פאַרגיכערן די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג אין דרום, ד"ה, אין אוקראַינע, צוציענדיק הונדערטער טויזנטער פויערים און אַרבעטער פון גרויס־רוסלאַנד צו די קאַפּיטאַליסטישע פאַרמס, מינען און שטעט. די אַסימילאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט איז אַן אומאָפּפּרעגלעכער פאַקט און דער פאַקט איז אומאָפּפרעגלעך אַ פּ ר אָ ג ר ע ס י וו ע ר...". (דאָרטן, ז' 24).

און ווייטער: "קאַפּיטאַליזם פאַרבייט די אומוויסנהייט, דאָס קאָנסערוואַטיווע, וואָס איז פון יאָרן־לאַנג געווען אין דעם גרויס־רוסישן, אָדער אוקראַינער מיט דער דינאַמישקייט פון אַ פּראָלעטאַריער, וועמענס באַדינגונגען אין לעבן, ברעכט צוזאַמען דאָס ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע שמאָלקעפּלדיקייט פוןביידן, אי פונעם גרויסרוסישן, אי פונעם אוקראַינער. און אַפילו מיר זאָלן דערלאָזן, אַז עס וועט אַ מאָל נאָך זיין ערגעץ אַ גרענעץ צווישן גרויס־רוסלאַנד און אוקראַינע, וועט אָבער דער היסטאָרישער פּראָגרעסיווער כאַראַקטער פון אָט דער אַסימילאַציע אָן צווייפל פאַרבלייבן אַ פּראָגרעסיווער, ווי דאָס צעמאָלן, צוזאַמענשמעלצן פון די נאַציאָנאַליטעטן אין אַמעריקע...". (דאָרטן).

פאַרגעסט ניט, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט צוויי באַזונדערע פעלקער: די אוקראַינער און גרויס־רוסן מיט צוויי באַזונדערע קולטורן, מיט צוויי באַזונדערע שפּראַכן!

אָט וואָס פאַר אַ פּחד און מורא האָט מען אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן מיטן שרעקלעכן וואָרט "אַסימילאַציע". אַ קינד אין וויג האָט איצט פאַר דעם מורא. וואָס פאַר אַ גרויסע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעקליבן אַרום דעם; וויפל לעקציעס! וויפל פּראָפעסאָרן האָט מען געבראַכט צו הילף אויסצומיידן אָט די

גרויסע, שרעקלעכע צרה פון אַסימילאַציע. און וויפל ענערגיע האָט מען אָפּגעגעבן אונדז באַווייזן, אַז דער „שמעלץ־טאָפּ" אין אַמעריקע, איז ניט מער ווי אַן אויסגעטראַכטע מעשה!

יאָ, די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן און די קאַפּיטאַליסטישע אַפּאָלאָגעטן, ווילן דאָס אונדז באַווייזן! און זיי פילן אויס בשלימות דעם ווילן פונעם קאַפּיטאַליזם, ווייל דער לעצטער פילט און ווייסט, וואָס פאַר אַ גרויסע השפּעה די נאַציאָנאַלע געפילן האָבן נאָך אַלץ אויף די גרויסע מאַסן. דעריבער טאַקע הייסט דאָס ניט, אַז מיר מאַרקסיסטן קענען אָט די וויכטיקע דערשיינונג פאַרקוקן. אָבער ניט פאַרקוקן הייסט ניט באַטראַכטן פון שטאַנדפּונקט פון משה סנה און פסח נאָוויק. מיר טאָרן ניט פאַרזען, אַז גרויסע מאַסן זיינען נאָך אַלץ געשטימט נאַציאָנאַליסטיש און מיר דאַרפן אין זיי אויפוועקן דעם קלאַסן באַוווסטזיין צו קעמפן געמיינזאַם פאַר זייערע אייגענע קלאַסן־אינטערעסן...

אָבער צי איז די טענדענץ פון אָט דער אַסימילאַציע, וואָס האָט איר באַזע אין דער אַלץ־שטייגנדיקער פּראָדוקציע, אַ געזונטע? — צי איז זי אין איינקלאַנג מיט דעם גאַנצן גראַנדיעזן בנין פון מאַרקסיזם? — דינט זי אַלס פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט?

דער גרויסער לענין האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ פּאָזיטיוון יאָ. די אַסימילאַציע פון אַלע פּראָלעטאַריער און אַפילו פון די פּאָטענציעלע פּראָלע־טאַריער איז זיכער אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר און ענטפערט אין דעם פּראָצעס די פאָדערונגען פון פּראָגרעס.

דאָ דאַרפן מיר זיך אָפּשטעלן אַ ביסל גענויער אויף דער וויכטיקער פּראַגע. מיר מוזן מאַכן אַ גרויסן דעפיניטיוון אונטערשייד צווישן: א) אַ בורזשואַז־געצוווּנגענער אַסימילאַציע און ב) אַן עקאָנאָמיש־נאַטירלעכער אַסימילאַציע, וואָס מען באַצייכנט עס לעצטנס מיטן נאָמען: „אינטעגראַציע". עס איז כדאַי, און אפשר אַ מוז, זיך אָפּצושטעלן אויף אָט דער וויכטיקער פּראַגע אין דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם.

אַסימילאַציע און אינטעגראַציע

לאָמיר קודם, באַטראַכטן וואָס איז אַזוינס אַסימילאַציע? — אַ טרעפלעך־כאַראַקטעריסטיש לאַנד, אין דעם זין, איז געווען די אַמאָליקע צאַרישע רוסלאַנד: די טורמע פון פעלקער, ווי ניעקראַסאָוו האָט זי גערופן; שרעקלעכע אונטער־דריקונגען; קיין שום ציווילע רעכט; אָפטע נגישות און רדיפות, ספּעציעל אויף יידן. מענטשן ווערן באַרויבט פון עלעמענטאַרע קוואַלן פון חיונה. אַ לאַנד, הויפּטזעכלעך אַן אַגריקולטורעלע און האַלב־פעאָדאַלע, דערלויבט ניט קיין יידן זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט. שליסט זיי אויס פון די דערפער און פון די גרעסערע, שוין מער אַנטוויקלטע, אינדוסטריעלע שטעט. פירט איין אַ תחום־המושב, אַ באַגרענעצטע געטאָ.

און אַפילו אין די קליינע שטעטלעך, וווּ יידן האָבן שוין יאָ געהאַט די רעכט צו וווינען, דערלויבט מען ניט די קינדער צו גיין אין די שולן. דאָ ווערט איינגעפירט אַ פּראָצענט־נאָרמע. יידן זיינען אויסגעשלאָסן פון פרייע פּראָפעסיעס. יידן טאָרן ניט פאַרקויפן קיין בראַנפן, האַנדלען מיט וועלדער, זיין אייגנטימער פון שענקען, קרעטשמעס און נאָך און נאָך.

די מער רייכערע סוחרים, וואָס האָבן די ערשטע „גילדעס", זיי ווערט דערלויבט צו וווינען אין די גרויסע שטעט. אויך האַנטווערקער, אין וועלכע עס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער מאַנגל, ווערט דערלויבט אין די גרויסע שטעט צו לעבן.

און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן לגנאי צו דער צאַרישער רוסלאַנד, אַז אויך פּראָסטיטוציע איז אַריינגענומען געוואָרן אין דעם כלל, אַזוי אַז ווען יידישע מיידלעך האָבן געוואָלט שטודירן אין די גרויסע שטעט, האָבן זיי זיך באַדאַרפט אָנגעבן אַלס פּראָסטיטוטקעס. דאָס זעלבע האָבן געטאָן מיידלעך, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

אין אַזאַ לאַגע האָט זיך די „יידישקייט" געלייגט שווער אויף יעדן יידן. אַוודאי האָבן זיך געפונען רייכערע עלעמענטן, סוחרים, אייגנטימער פון פאַבריקן, ספּעקולאַנטן און מענטשן וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען בילדונג, וואָס האָבן געוואָלט פאַרלייקענען זייער „יחוס" און מאַכן דאָס לעבן גרינגער. זיי האָבן אָפּגעלייקנט זייער אידענטיטעט, זיך אַסימילירט, זיך אויסגעמישט מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג ביז... ביז צו גיין מיטן שכן צו זיין נאָענטער קירכע.

פון דער צווייטער זייט איז אויך געווען אַ פאָדערונג פון די אָפיציעלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס, אַז אויב יידן ווילן באַקומען די רעכט זיך צו פאַר־

נעמען מיט פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, צו גיין אין אוניווערסיטעט זיך לערנען פאַר אַ דאָקטער, אָדער אַדוואָקאַט דאַרפן זיי זיך שמד'ן.

און דאָ איז משה סנה גערעכט, ווען ער שרייבט: „דער אויסערלעכער דרוק און אינערלעכער דראַנג פאַר אַסימילאַציע". דאָס הייסט געצוווּנגענע אַסימילאַציע!

אַ גאָר גרויסע השפּעה האָט דאָ אויך געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון אַסימילאַציע די השכלה־באַוועגונג. די ערשטע יאָרצענדליקער פון 19טן י"ה איז גראָד געווען די צייט, ווען עס האָט זיך אויסגעפאָרמירט אין לאַנד דער נייער אינדוסטריעלער שיכט, און מיט דעם אויך די יידישע אינדוסטריעלע בורזשואַזיע. אין לאַנד האָט זיך געפילט אַ גרויסער מאַנגל אין פאַרשיידענע אינדוסטריעלע סחורות און באַזונדערס אין געוואַנט־אויסאַרבעטונגען, וועלכע זיינען וואָס ווייטער נייטיק געווען, אין אַן אַלץ גרעסערער מאָס, פאַר דער וואַקסנדיקער אינדוסטריעלער אַרמיי.

די צאַרישע רעגירונג האָט טאַקע דעריבער געשטיצט מיט געלט־סובסידיעס און מיט פאַרשיידענע אַנדערע פּריווילעגיעס די אַנטוויקלונג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

צוזאַמען מיט דער גאַנצער בורזשואַזיע, האָט אויך די זיך־פאַרמירנדיקע יידישע בורזשואַזיע גענאָסן פון פאַרשיידענע פּריווילעגיעס, לגאַטעס (פאַר־לייכטערונגען) מצד דער רעגירונג. צוזאַמען מיט אַנדערע פּראָבלעמען האָט די אַנטוויקלונג פון דער יונגער רוסישער אינדוסטריע, שאַרף געשטעלט די פּראָבלעם פון אינטעלעקטועלער אַרבעטס־קראַפט, פון אויסבילדן אַ טעכניש־קוואַליפיצירטע אינטעליגענץ, וועלכע זאָל קענען באַדינען די אינדוסטריע, אַלס אינזשינערן, כעמיקער, טעכניקער, דירעקטאָרן אאַז"וו.

אָט דער דאָזיקער וואַקסנדיקער נאָכפרעג אויף אינטעלעקטועלער אַרבעטס־קראַפט, האָט געשטויסן די הערשנדיקע בורזשואַזיע אויסאיבן אַ דרוק אויף דער צאַרישער רעגירונג, צווישן אַנדערע מאָס־מיטלען, פאַרצונעמען אויך געוויסע שריט אויפן געביט פון אַ יידישער בילדונגס־רעפאָרם.

אויף דעם דאָזיקע באָדן האָט זיך אויסגעבילדעט אַ קליין הייפל פון יידישע משכילים־אינטעליגענץ אין דער ערשטער העלפט פונעם 19טן י"ה.

אַלס אידעאָלאָגיע פון דער יידישער בורזשואַזיע, האָבן די משכילים פון די 20ער, 40ער יאָרן אַלע זייערע האָפענונגען צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן און אויסבעסערן דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרבונדן מיטן חסד פון דער הערשנדיקער מאַכט.

ביי אַזאַ מין שטעלונג. ביי אַזאַ באַציונג פון די משכילים צום צאַריזם, האָט פאַרשטייט זיך, ניט געקענט זיין קיין רייד אויף וואָסערע ס'איז רעוואָ־לוציאָנערע שטימונגען ביי די יידישע מאַסן. („נאַראָדאָוואָלצעס", „מאַטעריאַלן־זאַמלונג, צוזאַמענגעשטעלט דורך א. יודיצקי, צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג פון פ.ס.ס.ר., כאַרקאָוו 1932). אונדז איז אויך באַקאַנט אַן אַנדער אָפּשאַצונג פון דער השכלה־באַוועגונג.

ביי דער געלעגנהייט, טעאָרעטיש צו פאַרטיפערן די „געצוווּנגענע אַסימי־לאַציע" ווילן מיר זיך באַנוצן מיטן מאַטעריאַל פאַרעפנטלעכט אין מ"פ, 1962:

„מיר זעען זי אַלס בורזשואַזע באַוועגונג אין איר גאַנצער דיאַלעק־טישער ווידערשפּרעכלעכקייט. מיר זעען איר גראַנדיעזע, פּראָגרעסיווע ראָל אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן, בעת איר „שטורעם און דראַנג", בעת איר שאַרפן, אָנטשיידענעם קאַמף קעגן מיטלאַלטערלעכן, אַלט־פרענקישן לעבנס־שטייגער — און מיר זעען זי אין איר שפּעטער־דיקער, אידעיש־געזעלשאַפטלעכער דעגענעראַציע, ווען אַלס מורא פאַרן נייעם כוח, דעם רעוואָלוציאָנערן לאַנד־פּראָלעטאַריאַט, איינגשלאָסן די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטערשאַפט, טרעט די אַסימילירטע יידישע בורזשואַזיע אַרויס געמיינזאַם מיט ציוניסטיש־געשטימטע טיילן פון דער יידישער בורזשואַזיע אין קאַמף פאַר דערהאַלטן אירע קלאַסן־פּריווילעגיעס און די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן־סיסטעם בכלל.

„פון אירע אויפקלערונגס־אידייען זיינען פאַרבליבן בלויז ברעקלעך. פון די אַסימילאַציע־פּאָסטולאַטן, מיט זייערע הומאַניסטישע כוונות, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. אַ קליינער טייל פון דער יידישער בורזשואַזיע האָט זיך נאַציאָנאַל אַסימילירט. נאָך אַ קלענערער טייל זיך געשמד'ט. די רעשט האָט אויפגעגעבן דעם קאַמף פאַר פאַרוועלטלעכן דאָס יידישע לעבן, מיטאַרבעטנדיק געשמאַק מיט דער „אגודה" אין די קהילות.

„דער פּראָגרעסיווער פּעריאָד פון דער השכלה־באַוועגונג האָט אָנגע־האַלטן אַן ערך ביז די 90ער יאָרן פונעם פאַריקן יאָרהונדערט. מיטן אויפקום פון דער אימפּעריאַליסטישער סטאַדיע און דער אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם און רעשיקן וווּקס פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבע־טער־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע, איז אַריינגעטראָטן אַ האַסטיקער דעגע־נעראַציע־פּראָצעס אין דער השכלה־באַוועגונג.

„סיבות זיינען געווען פיל. ערשטנס, האָט דער סאָציאַליזם אַריינגע־בראַכט זיין פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, ד"ה, זיינע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן פון לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע בכלל, די יידן־פראַגע אַריינגע־שלאָסן. צווייטנס, האָט דער אַנטיסעמיטיזם אַרויסגערופן צום לעבן אין דער יידישער סביבה נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען און אָנשויונגען (ציוניזם און בונדיזם), וועלכע האָבן זיך באַמיט צו קאָנסערווירן נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקייט און אָפּגעזונדערטקייט, פּאָזיציעס וועלכע זיינען געשטור־רעמט געוואָרן דורך דער השכלה אין איר פּראָגרעסיוון פּעריאָד. דריטנס, האָט די רעאַקציאָנערע בורזשואַזיע פון די הערשנדיקע פעלקער אין איר פונאַנדערגעוויקלטן קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַווע־גונג פון די אונטערדריקטע פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן, אָנגעהויבן האַמעווען, אויב ניט אָפּשטעלן אין גאַנצן דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע".

אַנדערש זעט אויס די „אַסימילאַציע" אין לענדער, ווו עס הויבט זיך אָן אַנטוויקלען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע. רעשיק גיט זיך אַ הויב די טעכנאָלאָגיע. אַלץ מער מאַשינען ווערן איינגעפירט, וואָס פאָדערן אַלץ מער הענט. דער פויער פאַרלאָזט דעם דאָרף און לויפט אין די גרויסע שטעט. די פאַבריקן ווערן אַלץ גרעסער. עס אַנטוויקלט זיך דאָ דער פּראָלעטאַרישער קאָלעקטיוו. די געמיינזאַמע עקאָנאָמישע אינטערעסן רוקן אַרויס אָן אָרגאַני־זאַציע, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר זייערע רעכט. עס ווערן געשאַפן די צעכן און שפּעטער די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

ס׳הויבט זיך אָן אויסצופאָרמירן אויך דאָס פּאָליטישע פּנים פון דער געזעלשאַפט — אַ מין בורזשואַזע דעמאָקראַטיע. ברייטערע מאַסן הויבן זיך אָן באַטייליקן אין די מוניציפּאַלע אינסטיטוציעס. נאָך די פאַרשיידענע קאַמפן פון דער בורזשואַזיע צוזאַמען מיט די פאָלקסמאַסן ווערן דעראָבערט און פאַר־ברייטערט די ציווילע רעכט פון די בירגער.

אַזעלכע „פרייע" לענדער פלעגן די אימיגראַנטן פון סלאַווישע לענדער געפינען אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד און שפּעטער, נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, אין אַמעריקע.

פאַרשטייט זיך, אַז וואָס מער ציווילע פרייהייטן, אַלץ ווייניקער סעגרע־גאַציע, אַלץ מער צערוקן זיך די ווענט פון געטאָ, אַלץ מער נאָענטקייט אין די פאַרהעלטענישן צווישן אַרבעטער און אַרבעטער אין פאַבריקן, צווישן איין מינדערהייט און אַ צווייטער — אַלץ גרעסער ווערט די „אַסימילאַציע".

מענטשן קומט אויס אַרבעטן אין איינע און די זעלבע פאַבריקן. פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס פאַרברענגען אין דעם זעלבן שאַפּ דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן; האָבן איינע און די זעלבע אינטערעסן, מוזן זיין אַקטיוו אין דעם זעלבן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און מעגלעך קומט זיי אַ מאָל אויס זיך אָפּרוען אין די זעלבע פאַרווײלונגס־פּלעצער.

אין אַזעלכע לענדער באַקומט זיך פאַר די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע מינאָ־ריטעטן אַ גאַנץ אַנדער סיטואַציע, ווי מיר האָבן עס געזען אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד: די איינגעבירגערטע געוווינהייט צו לעבן צווישן דער אייגענער מינדערהייט, הייבט צו ביסלעך אָפּטרעטן דער באַקוועמלעכקייט פון ווײנען נעענטער צום אַרבעט־פּלאַץ, צום אייגענעם שאַפּ. אויך די געגנט־אינטערעסן, ווערן דאָ שוין אויך געמיינזאַמע.

זייערע קינדער לערנען זיך אין די זעלבע שטאַטישע שולן. פאַרקערן ווי אין שול, אַזוי אויך אין גאַס מיט די קינדער פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן און נוצן די זעלבע לאַנד־שפּראַך.

אין אַמעריקע האָט אויך צוגעהאָלפן אַ סך צו אָט דער „אַסימילאַציע" דאָס אָפּשטעלן זיך פון דער אימיגראַציע, ווייל דער צופלוס פון ניי בלוט צו די מינדערהייטן האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט און ברייטע מאַסן האָבן זיך

דורך די יאָרן אַקלימאַטיזירט. די לאַנד־שפּראַך ווערט דאָ די שפּראַך פֿון היים, גאַס, פֿאַבריק, שול און פֿאַרווײַלונגס־פּלאַץ.

דערצו קומט נאָך צו נאָך אַ פֿאַקטאָר: די רעשיקע אַנטוויקלונג פֿון טעכנאָלאָגיע און מיט איר די ענדערונג אין די פּראָדוקציע־מיטלען און אַרבעטס־מעטאָדן, פֿאָדערן העכערע בילדונג. מיט קיין עלעמענטאַרע בילדונג קען מען שוין הײַנטיקע צײַטן קיין גוטן דזשאָב ניט געפֿינען. עס פֿאָדערט זיך מיטלע און הויכע בילדונג, אַ „מאַגיסטער" און אַפֿילו אַ „דאָקטאָראַט". די יידישע יוגנט באַזוכט, לגבי די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, אין אַ גרעסערער מאָס די אוניווערסיטעטן. דער אַרבעטער אין שאַפּ, דער לערער, דער דאָקטער, דער אינזשינער, דער כעמיקער, דער אַדוואָקאַט מוז דאָ ריידן — ענגליש.

די אומגאַנגס־שפּראַך פֿון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע, ספּעציעל פֿון יוגנטלעכע און מיטלאַריקע, איז דורכויס — ענגליש. אַט דעם פֿאַקט קען קיינער ניט אָפּלייקענען און אויב עס זאָל זיך געפֿינען עמעצער, וואָס זאָל עס וועלן אָפּלייקענען, וועט מען אים באַטראַכטן ווייט פֿון אַ בר־דעת. ניט נאָר די טאַטעס און מאַמעס באַנוצן זיך דאָ מיט ענגליש, נאָר אין אַ גרויסער מאָס, שוין אויך די זיידעס און די באָבעס. אַרום 90% פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג באַנוצט זיך מיט דער לאַנד־שפּראַך און פֿאַרשטייען דאָ און דאָרט אַ וואָרט אין יידיש. און דאָס איז דער פּראָצעס, וואָס מאַרקס האָט בשעתו פֿאָרויסגעזען אין די מענטשלעכע פֿאַרהעלטענישן אין דער צייט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. און דאָס האָבן לענין, סטאַלין, קאַוטסקי שוין געזען אין מערב־אייראָפּע און אין אַמערייקע.

אָבער אַט דער פּראָצעס איז זייער ווייט אַוועק פֿון דער „אַסימילאַציע", וואָס איז געווען אַרויפֿגעצוווּנגען פֿונעם הערשנדיקן קלאַס איבער דער, אָדער יענער מינאָריטעט. די טענדענץ איז אין איינקלאַנג מיט די געזעצן פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, מיטן דראַנג, וואָס גרעסער און גרעסער ווערן. און פּונקט ווי דער הערשנדיקער קלאַס שטרעבט אַריבערצוטראָגן די קאַפּיטאַ־ליסטישע פּראָדוקציע אויסער די גרענעצן פֿון זיין לאַנד (אימפּעריאַליזם) אַזוי מוז אויך דער פּראָלעטאַריאַט זיך ניט באַגרענעצן אין די ראַמען פֿון זיין אייגן לאַנד, נאָר פֿירן די קאַמפּן אינטערנאַציאָנאַל.

קענען דען אַט די, וואָס זיינען נוטה צום נאַציאָנאַליזם, זיך פֿאַרשטעלן אַזאַ זאַך, ווי אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פֿון לויפֿן פֿון די קליינע שטעט אַהין דערפֿער אין די גרויסע שטעט, וווּ מענטשן קענען באַקומען גיכער אַרבעט, בילדונג און אַ באַקוועמער לעבן? קענען זיי דען זיך פֿאַרשטעלן דאָס אָפּהאַלטן פֿון קאָנצענטראַציע פֿון קאַפּיטאַל? דאָס בויען, וואָס גרעסערע, גיגאַנטישע זאַוואָדן?

קענען דען אַט די מענטשן, וואָס זיינען „געכאַפּט" אין „נאַציאָנאַליזם" זיך פֿאַרשטעלן, אַז מיר קענען פֿאַרמיידן אַט דעם גרויסן אינדוסטריעלן פּראָ־

גרעס און פאַרבלייבן מיט די אַמאָליקע קליינע וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט? און נאָך מער, אַז אַט די פאַבריקן זאָלן געבויט ווערן מיט דער אָריענטאַציע אויף די מינדערהייטן; און אויך די פּראָפּאַריינען (יוניאָנס) זאָלן דאָ זיין לויט זייערע נאַציאָנאַליטעטן מיטן איינציקן צוועק, כדי אָפּצוהיטן דאָס אייגנאַרטיקע פּנים פון דעם אָדער יענעם פאָלק, אָדער פאַר־היטן די, אָדער יענע שפּראַך און קולטור? — זיי וועלן איצט זאָגן: דאָס איז דאָך ניט מער ווי אַ קאַריקאַטור, אַ שאַרזש. דער בונד אָבער האָט דאָך בשעתו געהאַט אַזאַ טענדענץ.

איך מיין, אַז אַפילו מענטשן, וואָס זיינען אין גאַנצן ניט באַקאַנט מיט דעם א״ב פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און אַוודאי ניט מיטן מאַרקסיזם, וועלן זיך ניט קענען דעריידן צו אַזאַ אַנאַכראָניזם.

כאָטש מיר זעען דאָס צוזאַמענמישן פון פעלקער, וואָס מיר האָבן אין די אַלטע יאָרן באַצייכנט מיטן נאָמען „אַסימילאַציע" קאָנען מיר אָבער, באַיין־אופן, ניט באַצייכענען אַזאַ פאַרייניקונג פון מענטשן אין פּראָצעס פון זייערע פּראָ־דוקציע־פאַרהעלטענישן.

מיר מוזן דעריבער אָט דעם פּראָצעס, כדי אונטערשיידן אים פון יענער אַסימילאַציע, באַצייכענען אים מיט אַן אַנדער נאָמען: לאָמיר זאָגן: „אינ־טעגראַציע"; און פונעם שטאַנדפּונקט פון דעם עקאָנאָמישן ווילזיין, דאַרפן מיר אים באַטראַכטן אַלס אַ פּאָזיטיוון פאַקטאָר.

פאַרבייטן דעם באַגריף „אינטעגראַציע" מיט אַסימילציע, קענען נאָר מענטשן, וואָס באַנעמען ניט דעם ענין, אָדער טוען דאָס בכיוון. מאַרקס, ענגעלס און לענין לערנט אונדז, אַז די באַפרייונג פון דער מענטשהייט איז און וועט זיין די זאַך פונעם אַרבעטער־קלאַס און דער אַרבעטער־קלאַס איז אינטערנאַ־ציאָנאַל. עס איז דאָך ניט קיין צופאַל, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אַרויס־גערוקט דעם לאָזונג איבערן קאָמוניסטישן מאַניפעסט (1847) „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַרייניקט זיך!".

לענין האָלט אין איין איבערחזרן, אַז די קראַפט פונעם פּראָלעטאַריאַט איז אין זיין פאַרייניקונג און ניט נאָר אין זיין אייגן לאַנד, נאָר אינטערנאַציאָנאַל. לענין שרייבט:

„אַלע אָנהענגער פון צעטיילן דעם אַרבעטער־קלאַס אויפן גרונט פון איין נאַציע צו אַ צווייטער, אַלע, וואָס באַפאַלן מאַרקסיסטן, אַז זיי זיינען פאַר אַסימילאַציע, אין זין פון אָפּטיילן איין נאַציאָנאַלע קולטור פון אַ צווייטער — איז בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם, קעגן וועלכן מיר דאַרפן אָנפירן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף". (דאָרטן, ז' 26).

...„מאַרקסיזם קאָן ניט שלום מאַכן מיט נאַציאָנאַליזם, זאָל ער זיין אַפילו אין זיין גערעכטסטן, ריינסטן און ראַפינירסטן מין. אָנשטאָט אַלע פאָרמען פון נאַציאָנאַליזם, רוקט אַרויס דער מאַרקסיזם דעם אינטערנאַציאָ־נאַליזם — די פאַרייניקונג פון אַלע נאַציעס אין איין איינס, אַ פאַרייניקונג,

וואָס וואַקסט פאַר אונדזערע אויגן אויף אַלע צווייגן פון לעבן, אין יעדער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרייניקונג, אין יעדער אַרבעטער פאַר־באַנד". (דאַרטן, ז' 27).

"...אין די עקזעקוטיוועס פון אַלע אַקציע־קאַמפּאַניעס, געפינען מיר קאַפּיטאַליסטן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן זיצן צוזאַמען אין אַ פול־שטענדיקער האַרמאָניע. אין די פאַבריקן אַרבעטן די אַרבעטער פון באַ־זונדערע נאַציאָנאַליטעטן זייט בײַ זייט. און אין יעדן ערנסטן און וויכטיקסטן קאַמפּס־פּונקט זײַנען די צדדים ניט לויט דער נאַציאָנאַליטעט, נאָר לויט דעם קלאַסן־קאַמף...". (דאַרטן, ז' 29).

ריידנדיק וועגן די, וואָס הויבן אויף דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלער קולטור האָט לענין געשריבן:

"אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור, איז פאַראַן, אויב אַפילו ניט קיין אַנטוויקלטע, עלעמענטן פון דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער קולטור; ווייל אין יעדער נאַציע איז פאַראַן אַן אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסע, וועמענס לעבנס-באַדינגונגען שאַפן אומבאַדינגט אַ דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע.

"נאָר אין יעדער נאַציע איז אויך פאַראַן אַ בורזשואַזע קולטור (און מערסטנס אַ שוואַרצמאהדיקע און קלעריקאַלע) — דערבײַ ניט נאָר אין פאָרעם פון "עלעמענטן", נאָר אין פאָרעם פון דער הערשנדיקער קולטור. דעריבער איז "נאַציאָנאַלע קולטור" אין אַלגעמיין, די קולטור פון דער בורזשואַזיע, פון די פּריצים און דעם קלער".

און ווייטער:

"דער, וואָס וויל דינען דעם פּראָלעטאַריאַט, מוז זען פאַרייניקן אַלע אַרבעטער פון אַלע נאַציעס, קעמפנדיק ניט אָפּנייגנדיק זיך קעגן בור־זשואַזן נאַציאָנאַליזם, דעם "אייגענעם" און פרעמדן. דער פּלאַץ פאַר די, וואָס פאַרטיידיקן דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלע קולטור איז צווישן די נאַ־ציאָנאַליסטישע קליינבירגער און ניט צווישן די מאַרקסיסטן...". (דאַרטן, ז' 18).

"...דער, וואָס רוקט אַרויס דירעקט, אָדער אומדירעקט דעם לאָזונג פון יידישער "נאַציאָנאַלער קולטור" (וואָס פאַראַ גוטע כוונות ער זאָל דערבײַ וועלן האָבן), איז אַ שונא פונעם פּראָלעטאַריאַט; איז אַן אָנהענגער פון דעם אַלטן און קאַסטעס אין יידישקייט, אַ שותף פון די רבנים און דער בורזשואַזיע".

לענין לערנט אונדז, אַז "נאַציאָנאַלע קולטור" איז אין אַלגעמיין בײַם קאַפּי־טאַליזם בורזשואַז, גאַנץ אָפט קלעריקאַל און אַ מאָל אויך שוואַרץ־מאהדיקער שווינדל. דעריבער זאָגט לענין: "אונדזער לאָזונג איז — די אינטערנאַציאָנאַלע קולטור פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם". (דאַרטן, ז' 16).

לעניִן רעדט וועגן אינהאַלט פון דער קולטור. די פאָרעם איז אַ נאַציאָנאַלע אָבער דער אינהאַלט דאַרף זיין דעמאָקראַטיש, סאָציאַליסטיש.

איך האָב זיך בכיוון אָפּגעשטעלט און געבראַכט אַזוי פיל ציטאַטן פון דעם אומשטערבלעכן לעניִן, כדי לינדערן די גרויסע שמערצן פון פסח נאָוויק און משה סנה און זייער גלייכן, ווען זיי לייגן איין וועלטן צו באַווייזן, אַז נאָר זיי זיינען די אמתע פריינד פונעם יידישן פאָלק.

און ווען מיר גיבן נאָך צו, אַז די לעצטע טעכנאָלאָגיע פאָדערט אין שאָפּ, פאַבריק אַ גרעסערע צאָל מענטשן און נאָך מער, גרופּעס מענטשן, וואָס אַרבעטן אין קאָלעקטיוו אויף איין און דעם זעלבן פּראָיעקט; סטודענטן אין די אוני־ווערסיטעטן, פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; מיטאַרבעטער אין אַלע פּאָליטישע אָרגאַ־ניזאַציעס און נאָך און נאָך — און אַז אין אָט די אַלע אַרבעטן נעמען אָנטייל מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע זיינען מעגלעך גוט באַהאַוונט אין זייער אַרבעט, אָבער זיינען ניט קיין שפּראַכן־קענער און זייער אַלעמענס שפּראַך איז די אומגאַנגס שפּראַך פון לאַנד און דאָס איז ענגליש — ווערט פאַר אונדז נאָך מער קלאָר, ווי די „אינטעגראַציע" דרינגט אַריין אין אונדזער לעבן, אַ לעבן, אין וועלכן מיר זיינען אַן אינטעגראַלער טייל... (אַוודאַי, זיינען מיר די לעצטע צו פאַרגעסן די דיסקרימינאַציעס, וואָס מיר, יידן, שטייען זיך נאָך אויס אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אָבער אין דעם געשיכטלעכן פּראָצעס, באַטראַכטן מיר עס, אַלס מאַרקסיסטן, ווי אַ דערשיינונג, וואָס מוז פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן אימפּעריאַליזם).

מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן דעם זייער וויכטיקן פאַקטאָר פון געמישטע חתונות, וועמענס פּראָצענט עס ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג און ניט נאָר ביי אונדז אין אַמעריקע, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט. געמישטע חתונות ניט נאָר פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייטן, נאָר אויך צווישן פאַר־שיידענע ראַסן ווייזן ווי לעכערלעך איז פאַר אונדז דאָס עקשנותדיקע קעמפן פון אייניקע „נאַציאָנאַליסטן" קעגן אָט דעם גראַנדיעזן פּראָצעס אין דער געשיכטע. זיי, די נאַציאָנאַליסטן ווילן אונדז פירן צוריק, צום אַלטן, אַמאָליקן, מיטלאַלטער־לעכן לעבן, צוריק צו די קליינע שטעטלעך, פון די גנילאָפּאַטאָווקעס און קאַסרי־לעווקעס, וועלכע עס האָבן פאַרייביקט אונדזערע קלאַסיקער — דער זיידע און דאָס אייניקל. (אַפילו אויך דאָרטן, אין אָט די מיטלאַלטערלעכע באַדינגונגען, האָט זיך דאָס לעבן געהאַלטן אין איין ברעכן). אונדזערע קליינבירגערלעכע שרייבער און פּאָעטן, האַלטן עס נאָך עד־היום אין איין אידעאַליזירן...

און ווען מיר קוקן דרייסט אין פאָרויס, טראָגנדיק, אין זיך אַליין, די זוימען, דעם דראַנג, שטרעבונג און אַנטשלאָסנקייט צו שאַפן וואָס גיכער די פאַרייניקונג פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, זעען מיר ערשט דעמאָלט די קלאָרע, ווייט־זעענדיקע פּראָגנאָזן פון מאַרקס, ענגעלס און לעניִן, ווען זיי האָבן דערבליקט אין דער „אינטעגראַציע" אַ פּאָזיטיוון פאַקטאָר פון פּראָגרעס.

זיינען יידן א פאלק, א נאציע?

מיר האָבן געזען, ווען מיר האָבן באַטראַכט די פאַרשיידענע דעפיניציעס אַרום דער פראַגע „נאַציע", אַז אַ נאַציע קען ניט געמאָלט זיין אָן אַ „טעריטאָריע". עס וועט זיין נייטיק אין אונדזער קומענדיקן קאַפּיטל, דאָס אויפנעמען באריכות און אַנאַליזירן. לעת־עתה האָבן אַ סך פון „אונדזערע" נאַציאָנאַליסטן אָנגעהויבן אָפּלייקענען דעם מאַרקסיסטישן דיאַגנאָז און זאָגן איצט, אַז טעריטאָריע איז ניט קיין אָבליגאַטאָרישער, אָדער אומפאַרמיידלעכער באַשטאַנדטייל אין דער דעפיניציע פון אַ „נאַציע".

זיי טענהן: אויב טעריטאָריע איז אַ געוויסער, און מעגלעך, אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל פון דעם באַגריף „נאַציע", הייסט דאָך דאָס, אַז מיר יידן זיינען נאָך גאָר ניט קיין נאַציע. באַהויפּטן אַזאַ זאַך, וואָלט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי מען זאָל זאָגן איינעם: „דו עקזיסטירסט ניט!" יעדער ייד ווייסט דאָך אָבער, אַז מיר זיינען שוין אַ פאָלק אַרום דריי טויזנט יאָר. איז ווי אַזוי קען מען גאָר אַוועקשטעלן אַזאַ פראַגע? ווי אַזוי קענען מיר זיך אָנהויבן פּילפּלען, צי זיינען מיר יאָ, אָדער ניט קיין „נאַציע?". דעריבער האָבן אַ סך פון אונדזערע „געלערנטע" אָנגעהויבן אַרויסקומען דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט מיט דער טענה, אַז עס איז ניט נייטיק איינשליסן אין דער דעפיניציע פון „נאַציע" דעם אַטריבוט פון „טעריטאָריע". דאָס איז טאַקע געווען פאַר זיי אַ סך גרינגער... און סומך געווען האָבן זיי זיך אויפן „ווירקלעכן לעבן"... „אַט, זעט איר דאָך אַליין, שוין צוויי טויזנט יאָר, אַז מיר האָבן ניט קיין טעריטאָריע און דאָך עקזיסטירן מיר אַלס פאָלק!" (ס'איז דאָ די מעשה צו וועלן באַווייזן דעם פּרימיטיוון פויער, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון און ניט די זון אַרום דער ערד...).

און דאָ קומען מיר צום סאַמע עמאַציאָנעלסטן, צום סאַמע פּילבאַרסטן פּונקט, וווּ לאָגיק פאַרלירט, אין דער גרעסטער מאָס, איר ווירקונג — און דאָס איז: זיינען מיר יידן, אַ נאַציע, צי ניט? —

אויב ד"ר חיים זשיטלאָווסקי איז אין דעם זין נאָך געווען מער אָדער ווייניק אויסגעהאַלטן און זיך פּשוט און פראַסט מודה געווען, אַז ער איז געקומען צום ענין נאַציאָנאַליזם דורך אַן אינטואיטיוון געפיל, ווייל ער איז אַ „ייד" און ניט קיין „קריסט"... און ער האַלט: „ניטאָ אַזאַ פּראָגרעסיווער פּרינציפּ, וואָס זאָל קענען איינעם פאַרשרייבן ער זאָל ליב האָבן אַלע מענטשן מיט אַ גלייכער ליבע", אָדער: „נאַטירלעכע געפילן זיינען גאָר ניט אַזעלכע גרויסע מיוחסים ביי אַ ראַדיקאַל, וואָס האָט איבער זיך אַזאַ שטרענגן „ונתנה־תוקף";

זיינע פּראָגרעסיווע פּרינציפּן האָבן דאָס רעכט אַרויסצוטראָגן דעם „מי יחיה, ומי ימות" איבער די נאַטירלעכע געפילן..." (2טער באַנד „זכרונות", ז' 119).

איז אָבער דער צוגאַנג איצט ביי די נאַציאָנאַליסטן ווי סנה, נאָוויק, אָדער סלאָוועס אַ גאַנץ אַנדערער. זיי זיינען זייער ווייט פון דער אויסגעהאַלטנקייט פון ד"ר זשיטלאָווסקי. זייער נאַציאָנאַליזם ווילן זיי דווקא באַווייזן דורך אַלערליי פּאָסטולאַטן פון מאַרקסיזם. און אויב ביי מאַרקסן, ביי ענגעלסן, ביי לענינען, וועלן זיי דאָס ניט געפינען, וועלן זיי אויסטייטשן דעם מאַרקסיזם־לעניניזם אַזוי און אים רעווידירן אַזוי, ער זאָל באַרעכטיקן זייערע נאַציאָנאַליסטישע געפילן... אויב אָט די מענטשן און זייער גלייכן, וואָלטן אויף אַ מינוט געקענט באַזייטיקן זייערע עמאָציעס און געפילן און באַטראַכטן מיט אונדז צוזאַמען די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע, נאָר און אויסשליסלעך מיטן שכל־הישר, — מיטן וויסנ־שאַפטלעכן מאַרקסיסטישן אַנאַליז, וואָלטן זיי דאָך, בלי־ספק ניט דעפינירט זאַכן, נאָר לויט זייערע נאַציאָנאַליסטישע עמאָציעס.

זיינען דען ניט געווען גערעכט לענין און זיינע חברים, וואָס האָבן בשעתו באַטראַכט די יידן, אַלס מינאָריטעט און געזען אין זיי מענטשן אָן אַ טעריטאָריע, און אַ געמיינזאַמער שפּראַך, אָן אַן אייגענער עקאָנאָמיק, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט. ער פרעגט: „ווי אַזוי זיינען יידן אַ נאַציע, ווי באַוער וויל עס האָבן, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן אַן ענלעכן גורל? וואָס פאַראַ ענלעכקייט קאָן דאָ זיין צווישן די גרוזינישע, דאַגעסטאַנער, רוסישע און אַמע־ריקאַנער יידן, וואָס לעבן אויף באַזונדערע טעריטאָריעס און ריידן אויף באַזונדערע שפּראַכן; לעבן מיטן זעלבן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן, ווי די פעלקער צווישן וועלכע זיי געפינען זיך, אין דער זעלבער קולטור־אַטמאָספער, וואָס וועט אָן צווייפל איבערלאָזן אויף זיי די זעלבע נאַציאָנאַלע כאַראַקטער־שטריכן...".

וועט דאָס אויסקומען פאַר אַ סך פון אונדזערע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן אַ „צו האַרבע שפּראַך", איז לאָמיר זען, וואָס אַזאַ הייסער נאַציאָנאַליסט, ווי ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט דאָ צו זאָגן:

זשיטלאָווסקי שרייבט:

> „די יידישע רעליגיעזע געזעצגעבונג, ווי זי איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין דער משנה, איז געווען אַ קינסטלעך־אויפגעבויטע, גייסטיקע סביבה, וואָס האָט אויסגעקריסטאַליזירט די נאַציאָנאַלע פאָרמען פון יידישן לעבן און האָט געצוווּנגען יעדן יחיד פונעם פאָלק זיך צופּאַסן צו איר. אויף אַזאַ אופן איז די פאַרגעסענע יידישע תורה געוואָרן אַ וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס פאָלק פון אַלע זייטן, אַ וואַנט, וואָס זאָל אים אָפּטיילן פון אַלע אַנדערע פעלקער און אים פאַרהיטן פון צונויפגיסן זיך מיט זיי". („יידן און יידישקייט", ז' 156).

> „...די אמוראים האָבן ווייטער געשפּונען דעם פאָדעם פון די תנאים. דאָס, וואָס די אמוראים האָבן געשאַפן, איז ווידער פאַרצווייגט געוואָרן ביי די גאונים און שפּעטער די רבנים פון דור צו דור ביזן טיף פונעם 19טן

יאָרהונדערט אַריין, ווען די השכלה־באַוועגונג האָט אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן פּראָצעס פון באַשאַפן אַלץ נייע חומרות פאַר די יידן...". (דאָרטן).

„...קוקט מען פון דער ווייט אויף אַזעלכע משונהדיקע דינים, וואָס האָבן קיין ברעקל אָנהאַלט ניט, ניט אין דער תורה, ניט אין דער היגיענע, ניט אין דער לאָגיק, ניט אין דער מאָראַל, מוז איינעם אַרויף אויפן זינען דער געדאַנק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דעגענערירטע מענטשן. אַנדערש איז אָבער, ווען מען באַטראַכט די זאַך פון אינעווייניק; זיינען געווען גאָר גרויסע יידישע פילאָסאָפישע דענקער און פאָרשער, וואָס זיינען גוט געווען באַקאַנט מיט די פרייע געדאַנקען פון זייער צייט און דאָך האָבן זיי געהאַלטן אין וועבן אָט די שפּינוועבס. און געטאָן האָבן זיי עס צוליב האַלטן איזאָלירט דאָס יידישע פאָלק אין זיין אינע־ווייניקסטער אָפּגעשלאָסנקייט פון דעם אַרומיקן לעבן...".

צוגעהאָלפן האָבן צו אָט דעם פּראָצעס די שטענדיקע אונטערדריקונגען. וואָס מער נגישות און רדיפות אויף יידן, אַץ מער האָט זיך דאָס פאָלק איזאָלירט. אָבער אין צווייטן העלפט פון דעם 19טן י"ה, ווען איבער גאַנץ אייראָפּע און אויך איבערן מזרח, האָבן אָנגעהויבן ווייען נייע באַפרייונגס־ווינטן, האָבן אויך די יידן דערפילט אַז די דורות־לאַנגע רעליגיעזע קייט, האַלט זיך אין איין רייסן, אַז דער צעמענט, וואָס האָט זיי דורות־לאַנג געהאַלטן צוזאַמען ווערט לויזער און מיט דער הילף פון די משכילים, האָבן מענטשן אָנגעהויבן פילן פרייער און אָנגעהויבן זיך צו ביסלעך פירן וועלטלעך.

די פראַגע וועגן טעריטאָריע

די זיגרייכע אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איבערגענומען אַ ברייט, אָבער פאַרוויסט לאַנד מיט נאָענט צו הונדערט נאַציאָ־נאַליטעטן. פון זיי זיינען געווען פרימיטיווע שבטים — פאָרם־, וואַלד־ און באַרג־מענטשן — פון וועלכע אַ סך האָבן אַפילו קיין א"ב ניט געהאַט. זיי זיינען געווען אָפּגעשטאַנען און אָבערגלויבעריש. און אויך זיי האָט מען געמוזט אַריינעמען צווישן אַלע פעלקערשאַפטן, כדי צו בויען דעם סאָציאַליזם.

דער ר"פ האָט געשאַפן פאַר זיי א"ב'ן, געבויט שולן און ווי נאָר מעגלעך, זיי צוגעגרייט — אין טעכניק, ווי אין קולטור — צו דער מדרגה פון קאָנען ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער גאַנצער סאָוועטישער באַפעלקערונג.

דערביי איז דאָ געווען אַן אָנגענומענע הנחה: אַ מינאָריטעט, וואָס באַזיצט אַ שפּראַך און וווינט אין קאָמפּאַקטע מאַסן אויף איין טעריטאָריע, קאָן מיט דער צייט ווערן אַן אויטאָנאָמע געגנט, אַ געגנטלעכע רעפּובליק. אַזאַ רעפּובליק

הויבט אָן לעבן, ווי אַ באַזונדער איינס און גיסט זיך אַריין מיט איר עקאָנאָמיק און קולטור אין אַלגעמיינעם לעבן פון אַלע פעלקער פונעם ראַטן־פאַרבאַנד.

יידן זיינען דאָ ניט געווען קיין אויסנאַם פונעם כלל. אין די קלענערע שטעטלעך, ווו יידן האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, אין די גובערניעס פון דעם אַמאָליקן תחום־המושב, האָט די רעגירונג אַנגעפירט אַ ברייט פאַר־שפרייטע קולטור־אַקציע, ווי געעפנט און אויסגעהאַלטן עלעמענטאַרע און העכערע שולן, אַרויסגעלאָזט צייטונגען און זשורנאַלן, געגרינדעט ביכער־פאַרלאַגן, זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרש־אַרבעט און עס איז אַפילו איינגעפירט געוואָרן די יידישע שפּראַך אין אייניקע געריכטן.

דאָס אַלץ האָט איר געקענט זען די ערשטע אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר נאָך דער רעוואָלוציע. אָבער לאַנג האָט עס אַזוי ניט אָנגעהאַלטן. ניט חלילה צוליב דער אומוויליקייט פון דער סאָוועטישער רעגירונג, נאָר ווייל פאַר די יידן האָבן זיך ברייט אויפגעעפנט אַלע טירן און טויערן פונעם גאַנצן לאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע עמיגראַציע פון די קליינע שטעטלעך אין די גרויסע שטעט, ווו זיי האָבן זיך געקענט בעסער אויסלעבן, זיין מער נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט און טאַקע געניסן פון די ברייטערע מעגלעכקייטן פון בילדונג און קולטור.

די יידן וואָס זיינען נאָך געבליבן אין אַמאָליקן תחום־המושב און געבליבן דעקלאַסירטע אָן טעכנישן וויסן, אָן בילדונג און קולטור — אויך זיי האָט מען ניט פאַרגעסן. אין סאַמע ברען פון דער רעוואָלוציע, צום סוף פון ערשטן יאָרצענדליק, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד דורך דעם פּרעזידענט קאַלינין, פּראָקלאַ־מירט אין 1927, ביראָבידזשאַן, אַלס אויטאָנאָמע געגנט פאַר יידן. אַ געגנט אַ גאָר גרויסע, רייך אין נאַטור־אוצרות, אין וואַסער, וואַלד, מינעראַלן און מעטאַלן.

לייענט איר די יידישע ליטעראַטור פון יענע צייטן און איר דערמאָנט זיך אין דעם גרויסן באַרעכטיקטן ענטוזיאַזם פון די איבערוואַנדערער, זייער גלויבן אין דער צוקונפט און זייער וויליקייט צו בויען. און עס טויכן אויף פאַר אייך די שרייבער: מ. אַלבערטאָן, דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, משה כאַטשעוואַטסקי, ב. אָליעווסקי, עמנואיל קאַזאַקעוויטש און נאָך און נאָך, וואָס האָבן פאַרייביקט אָט די עפּאָכע.

און איר לייענט אָט די ליטעראַטור און עס לעבן אויף פאַר אייך בילדער: יידן פון שטעט און שטעטלעך פּאַקן זיך און פאָרן. צוגן מיט מענטשן ציען זיך אויף אַ לאַנגן, לאַנגן וועג, כדי צו בויען אַ נייע היים.

צוגלייך און איינצייטיק זיינען אָבער אויך אויסגעוואַקסן גרויסע יידישע קולטור צענטערס אין די גרויסע שטעט, ווי אין קיעוו, מאָסקווע, כאַרקאָוו, מינסק און אַנד. און ווידער זעען מיר, אַז די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען

עס די דעצידירנדיקע אין דעם לעבן און ווי דער דיאַלעקטישער פּרינציפּ, ווייזט זיך, אַן איבעריק מאָל, אַרויס אַלס דער לעבנס־אמת.

די שעפערישקייט פון אַט די גרויסע יידישע קיבוצים, די ציווילע רעכט אויף פאַר די אָפּגעשטאַנענע אין די קלענערע שטעט, וואָס באַקומען זייער בילדונג און גיסן זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם ברייטן שטראָם — דאָס אַלץ האָט אַוועקגערוקט אין אַ זייט דעם גרויסן יידישן טרוים פון ביראָבידזשאַן. יידן פאַרן זעלטענער. די אַנטוויקלונג פון דער אויטאָנאָמער געגנט ווערט שוואַכער און לאַנגזאַמער.

די פּאָר געדאַנקען זיינען אַ קלאָרער ענטפער אויף די טענות און מענות פון די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן וועגן די באַעוולטע קולטור־רעכט פון די יידן, לגבי אַ סך קלענערע פון זיי מינאָריטעטן, ווי די יאַקוטן, טשוואַשן, אודמורן, טאַטאַרן, באַשקירן, אָסעטינער און אַנדערע. אַט די מינדערהייטן זיינען פאַרבליבן אויף זייער אייגענער טעריטאָריע, געפירט זייער זעלבשטענדיק־עקאָנאָמיש און קולטורעלן לעבן און זיך אַריינגעגאָסן ווי אַ טייל אין לעבן פון דער גאַנצער סאָוועטישער באַפעלקערונג.

און לעבנדיק אַלס קיבוץ אין קאָמפּאַקטע מאַסן, אויף זייער אייגענער טעריטאָריע, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד געמוזט פאַר זיי בויען די נייטיקע שולן, מיטלשולן, אוניווערסיטעטן; אַרויסגעלאָזן צייטונגען, זשורנאַלן; געבויט ראַדיאָס און נאָך און נאָך. דאָס הייסט, אַלץ האָבן זיי אַליין פאַר זיך געשאַפן, אָבער סובסידיעס האָבן זיי באַקומען פונעם צענטער. זיי האָבן געלעבט אַלס קאָלעקטיוו אין דער צייט ווען די יידן האָבן געלעבט אַלס יחידים.

געלעבט האָבן יידן און לעבן איצט אין ראַטן־פאַרבאַנד אין די גרויסע שטעט. קיין תחום־המושב האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט. אין די שטעט גופא לעבן זיי ווייט־אָפּגעזונדערט איינער פונעם צווייטן, ווייל זיי שטעלן דאָך מיט זיך פאָר אין גאַנצן נאָר 1.5% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. איז נאַטירלעך, אַז אין זייערע געגנטן זאָלן זיי זיין אַ גאַנץ־קליינער מיעוט. איז ווי אַזוי־זשע קאָן מען דערוואַרטן, אַז דער ר"פ זאָל שאַפן אַ קינדער־שול פאַר צוויי, אָדער דריי קינדער אין דער אָדער יענער גאַס? — און עס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי עס איז פאַראַן אַ פאָדערונג פון עלטערן, וואָס האָבן אין זייערע יונגע יאָרן מעגלעך גערעדט יידיש, אַז אַזעלכע שולן זאָלן זיך בויען? — און ווידער, צוזאַמענעמען אַ 40—50 קינדער פון דער גאַנצער שטאָט, פון ווייטע איינער פון דער צווייטער גאַסן, איז דאָך שוין פאַרבונדן ניט נאָר מיט טראַנספּאָרטאַציע, נאָר שעהן־לאַנג אַרומפירן די קינדער, מיט קינסטלעכער איזאָלירונג פון אַנדערע קינדער.

איז ווידער, די זעלבע פראַגע: צי זיינען יידן פאַרינטערעסירט אין נייע געטאָס? — און די קינדער האָבן דאָך אויך עפּעס צו זאָגן: זיינען זיי גרייט צו פאַרלאָזן זייערע חברים אין די שולן און זיי פאַרבייטן מיט קינדער פון

אַ נייער געגנט, נאָר צוליב דעם, ווייל זייערע עלטער־זיידעס האָבן געשטאַמט פון איין פאָלק? זיינען אָט די קינדער אין אַלגעמיין פאַרינטערעסירט אין אָט דער שפּראַך, וואָס איז זיי אין גאַנצן פרעמד?

איז טאַקע אָט די פרעמדע, פאַר זיי, שפּראַך אַזוי וויכטיק פאַרן וויטערדיקן ווילזיין פון זייער לעבן, אַלס סאָוועטישע בירגער? זעען זיי דאָך אָבער, אַז זייערע טאַטעס, מאַמעס פאַרנעמען אַזעלכע גרויסע פּאָזיציעס צווישן לערער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, עקאָנאָמיסטן, אינזשעניערן, אַקאַדעמיקער און אין פּאַרש־אַרבעט; ווען זיי זעען זיי אין דער אַרמיי און פלאָט ניט נאָר אין די נידעריקע, נאָר אין די העכסטע ראַנגען ביז גענעראַלן און אַדמיראַלן; ווען זיי זעען זיי אין די העכסטע פאַראַנטוואָרטלעכסטע ביוראָען ביז מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט און מיניסטאָרן פונעם לאַנד. נאָך מער, אַז דער פּראָצענט פון אַזעלכע אינטעלעקטואַלן איז לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון פינף ביז צען מאָל מער. איז פון וואַנען זאָל זיך דאָ נעמען דער גרויסער דראַנג און איניציאַטיוו צו בויען אַזעלכע שולן? —

אוודאי, איז די לאַגע גאַנץ אַנדערש ביי אַזעלכע קליינע פעלקער, ווי די אודמורן, קאָמיס, טשעטשענצעס, יאַקוטן, באַשקירן און אַנד', וועגן וועלכע מען האָט כמעט ניט געוווּסט פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס זייער צאָל איז קלענער פון די יידן, אָבער וואָס האָבן זייערע אייגענע טעריטאָריעס.

קאָנען מיר באַשולדיקן אונדזערע סאָוועטישע ברידער אין פאַרנאַכלעסיקן און פאַרשפּילן אָט די גרויסע היסטאָרישע געלעגנהייט? — לחלוטין ניט! ווייל דאָס לעבן איז שטאַרקער פון מענטשלעכע גוטע כוונות און פּלענער. אָט זיינען מיר דאָך רעאַליסטיש איצט אין אַמעריקע אין פאַרטיידיקן די „דאָישקייט" לגבי ישראל! וואַרפן מיר דען אַוועק האַק און פּאַק און פאָרן אַוועק קיין ישראל?

אָט פאַר וואָס וועלן פאַרלייקענען טעריטאָריע אַלס אינטעגראַלער באַשטאַנד־טייל פון דער דעפיניציע פון „נאַציע", איז מילד־גערעדט — אַ קינדערישע פּלאַפּלעריי!

דער תוך פון נאַציאָנאַליזם

דער ענין נאַציאָנאַליזם איז איצט, אין דער צייט פון אימפּעריאַליזם, גאָר ניט קיין היפּאָטעטישע פראַגע און עס וואָלט ניט נאָר כדאי געווען, נאָר עס איז שטאַרק נייטיק, אין די אינטערעסן פון די ברייטע מאַסן, אים פעסטצושטעלן. ספּעציעל, איז די טעמע איצט אַן אויסער געוויינלעך אַקטועלע, זינט אַ סך פון אונדזערע עלעמענטן, וואָס זיינען לאַנג געווען טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — און איניקע פון זיי אַפילו צווישן אירע פירער — האָבן פאַרן לעצטן יאָרצענדליק דערפילט אין זיך אַ גרויסן דראַנג אַרויסצורוקן פאַר די ברייטע יידישע מאַסן אין פאָדערגרונט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם.

ניט איין מאָל עקבערט מיך די פראַגע: וואָס באַוועגט אָט די מענטשן אַרויסצוקומען גראַד אין די יאָרן, ווען דער קאַמף צווישן וועלט־אימפּעריאַליזם און דעם ר״פ און דער גאַנצער סאָציאַליסטישער סיסטעם, ווערט פון טאָג צו טאָג שאַרפער און פאַרביטערטער און פאַרשפּרייט זיך איבער אַלע ווינקלען פון אונדזער ערד־קוגל; ווען צוויי מעכטיקע כוחות שטייען איינס אַנטקעגן צווייטן און ניט אַריינפאַלנדיק אין טראַנס פון רעטאָריק, וואָלט מען קענען זאָגן: אין זייער לעצטן, אַנטשיידנעם קאַמף... גראַד אין די יאָרן, ווען מיר דאַרפן דערוואַרטן, אַז די כוחות פונעם פּראָלעטאַריאַט און האָרעפּאַשנע מאַסן פון דער וועלט, זאָלן אַמשטאַרקסטן צעמענטירט ווערן — גראַד אין די יאָרן אַרויסקומען מיט בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטישע געפילן און אָפּווענדן יידישע פּראָלעטאַריער און האָרעפּאַשניקעס פון צוזאַמענגיסן זיך מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין איין גרויסן מעכטיקן שטראָם אַנטקעגן דעם אַלגעמיינעם שונא?

און ווידער אַ מאָל טראַכט איך: וואָס קען ברענגען אַזאַ אויפשוווּנג פון נאַציאָנאַליזם די אינטערעסן פון די ברייטע מאַסן? מאָדנע זעט אויס דער פּילפּול און סכאָלאַסטיק, דאָס טייטשן און אַריינטייטשן, וואָס מאַרקס, ענגעלס, לענין, וואָלטן איצט געטאָן — און גראַד ניט וועגן די פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן אונדז פאַרנעמען טאָג און נאַכט, ווי וויעטנאַם, לאַאָס, קאַמבאָדיע; די לאַגע אין פּאַציפישן און מיטלענדישן ים; כינע, בערלין און מיטל־מזרח און נאָך און נאָך. ווי אַזוי וואָלטן אונדזערע קלאַסיקער רעאַגירט אויף די קאַמפן אין אָט דעם אויפברויזנדיקן ים פון בלוט און פייער — נאָר גראַד, ווי וואָלטן זיי פאַר אונדז אויסגעטייטשט א י צ ט די נאַציאָנאַלע פראַגע בכלל און די יידישע בפרט — דאָס אַלץ זעט אויס צו זיין פאַרדעכטיק...

עס איז באמת אַ ביסל מאָדנע און פרעמד, ווען אונדזער „פּראָלעטאַרישע" אינטעליגענץ לייגט איצט איין וועלטן און איז זיך גרייט מוסר־נפש זיין פאַר

דער „אייניקייט" פון פאָלק און זײַנע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. ווען מיר דאַרפן אויף קיין איין מינוט ניט אַרויסלאָזן פון אויג, וואָס מאַרקס האָט אונדז געלערנט: „דער הערשנדיקער קלאַס באַמיט זיך שטענדיק אָנצוגעבן זײַנע אייגענע אינ־טערעסן, אַלס די אינטערעסן פונעם גאַנצן פאָלק; שאַפן אין אײַנקלאַנג מיט זייער אייגענער ווירקלעכקייט און אַבסטראַקטע געדאַנקען — די אילוזיע, אַז דאָס זײַנען פאָלקס־אמתן...". (מאַרקס, „צו דער קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע").

אַז די בורזשואַזיע, דער הערשנדיקער קלאַס באַנוצט זיך מיט זײַן אַלטן מיטל פון „צעטייל און הערש" און נוצט אויס, ווי עס איז נאָר מעגלעך, יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע, יעדער מינאָריטעט — איז אַן אַלטער כלל.

„...די אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַליטעטן אין אַלגעמיין, איז דער פּרינ־ציפּ פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם. פון דאַנען דער אויסשליסלעך בורזשו־אַזער נאַציאָנאַליזם. פון דאַנען דאָס ענדלאָזע נאַציאָנאַלע אַמפּערן זיך. דער פּראָלעטאַריאַט איז אָבער ווײַט פון זײַן גרייט צו העלפן דער דאָ־זיקער אַנטוויקלונג. להיפּוך, ער וואָרנט די ברייטע מאַסן אַנטקעגן אַזעלכע אילוזיעס; ער שטייט פאַר דער פולער פרייהייט פון קאַפּיטאַליסטישן פאַרקער און באַגריסט יעדע מין אַסימילאַציע פון נאַציעס. אַ חוץ די, וואָס זײַנען געגרינדעט געוואָרן אויף גוואַלד און פּריווילעגיע..." („נאַציאָ־נאַלע באַפרייונג, סאָציאַליזם און אימפּעריאַליזם" — לענין, ז' 28).

איך קען זיך דאָ ניט אָפּהאַלטן און ניט ציטירן לענינס פאָלגנדיקע דערקלערונג: „דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט אונטערשטיצן און פאַרהייליקן נאַציאָ־נאַליזם. פאַרקערט, ער אונטערשטיצט יעדע זאַך, וואָס קאָן אָפּווישן די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, יעדן אַקט, וואָס זאָל מאַכן די נאַציאָנאַליטעטן נעענטער און נעענטער, ביז זיי זאָלן זיך אין גאַנצן צוזאַמענגיסן... האַנדלען אַנדערש, וואָלט געהייסן זײַן אויף דער זייט פון דעם רעאַקציאָ־נערן, נאַציאָנאַליסטישן פיליסטערטום". (דאָרטן).

די נאַציאָנאַליסטישע תביעות
פון חיים סלאָוועס

ד״ר חיים סלאָוועס פון פּאַריז, אַן אינטעלעקטואַל, אַ קולטור־מענטש, איז ניט נאָר וועלטלעך געשטימט, נאָר פּרעטענדירט צו מאַכן זײַנע אַנאַליזן און באַגרינדונגען אויפן פּרינציפּ פון „דיאַלעקטיק״ און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט גייט ער צו צו אײניקע אַספּעקטן פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ווען עס קומט אָבער צו דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע איז זײַן בליק אַלס דראַמאַטורג און ליטעראַט געווענדט גראַד נאָר צו דער יידישער ליטעראַטור. באַטראַכטנדיק די יידישע ליטעראַטור פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר, דערזעט ער דעם האָסטיקן באַרג־אַראָפּ און ער פילט זיך צעוויטיקט, אַפילו הילפלאָז, מוטלאָז, פונקט ווי אַ יורד.

ער דערמאָנט זיך אין דעם גרויסן גראַנדיעזן בנין, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט אַוועקגעשטעלט אין לעצטן יאָרהונדערט, ווי זי האָט זיך אַרויסגערוקט צווישן אַלע וועלט־ליטעראַטורן און באַקומען אַזאַ חשובן פּלאַץ און אַלס קולטור־שאַפער זוכט ער די סיבות פון אָט דער ירידה.

פאַר סלאָוועסן איז קלאָר דער אמת, אַז די צוקונפט פון יעדער ליטעראַטור הענגט אָפּ פון די צאָל ריידנדיקע אויף דער זעלבער שפּראַך. ער באַמערקט מיט ווייטיק, אַז דער קלאַנג פון דער יידישער שפּראַך הערט זיך וואָס ווייניקער און ווייניקער אין זײַן אײגענער פראַנקרייך. ער ווייסט אָבער אויך, אַז ניט אין אַ קלענערער מאָס חזרט זיך איבער די זעלבע דערשיינונג אין אַמעריקע, ראַטן־פאַרבאַנד, ענגלאַנד און אין אַ סך אַנדערע לענדער. ער מוז אַנערקענען דעם פאַקט, אַז אין אַלע לענדער, וווּ יידן ווינען באַנוצן זיי זיך מיט דער לאַנדשפּראַך, אַלס זייער אומגאַנגשפּראַך. סלאָוועס, אַלס יידישער שרייבער איז דעריבער פאַרזאָרגט וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער שפּראַך.

נאָר אַנשטאָט צו אונטערזוכן די אָביעקטיווע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס זאָלן קאָנען אַרויסרוקן די סיבות פאַר אַזאַ ירידה, אַנשטאָט וויסנשאַפטלעך אַנאַליזירן די לאַגע פאַר אָט דעם פּעריאָד, קלייבט ער אויס גראַד דעם גרינגערן וועג. ווי אַ פאַראַמטער און ניט צופרידענער זוכט ער די סיבות, ווי דער שטייגער איז, גראַד ניט אין זיך און אַרום זיך, נאָר דווקא ביי „יענעם״. ניט „ער״ נאָר דער „יענער״ איז דער שולדיקער. און צו יענעם וויל ער אָדיסלאָזן זײַן ביטער האַרץ. ער זוכט ניט די סיבה ביי זיך אין פראַנקרייך און ניט אין דעם נאָענטן צו אים אַמעריקע, נאָר דווקא אין סאָוועטן־פאַרבאַנד...

דערביי שפּילן אַ ראָל צוויי וויכטיקע פאַקטאָרן: א) ביי אים איז נאָך

אַלץ אָפן די ווונד פון דער סטאַלין־ערע, די פאַרניכטונג פון יידיש־שאַפנדיקע קולטור־כוחות אין ראַטן־פאַרבאַנד צום סוף פון די 40ער יאָרן און צו אים האָט ער זיינע אַלע תביעות און ב) עס איז דאָך נאַטירלעך, אַז גראָד דאָרטן און ניט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זאָל ער זוכן די סיבות און דעם שולדיקן, ווייל אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פאַרנאַכלעסיקט מען דאָך אין גאַנצן דעם ענין „מענטש", אָבער פונעם ר"פ דערוואַרט ער, גאָר עפּעס אַנדערש.

סלאָוועס דרוקט אָן אַרטיקל אין דער „יידישער קולטור", אָרגאַן פונעם אַמעריקאַנער „איקוף" אין אַמעריקע (אָקטאָבער 1966), אונטערן קעפּל: „אויסרוף צייכנס, פראַגע־צייכנס און קלאַמערן", וואָס מאַכט אַ גרויסן רושם אויף די פּראָגרעסיווע און נאָך מער אויף דער בירגערלעכער אינטעליגענץ אין אַמעריקע.

סלאָוועס שרייבט: „זייער יידיש איז לויטער און קלאָר, כעמיש ריין, בלאַנקנדיק, אָבער אָן לעבנס־חיות, אַזוי ווי סטעריליזירט... (ער רעדט דאָ וועגן די יידישע טיפּן אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור — ב. ה.). באַלד כאַפּט מען זיך: דער שפּראַך־בגד איז אָן אויסגעבאָרגטער. עס איז אָן איבערזעצונג. די העלדן ריידן אין דער אמתן ניט יידיש, נאָר רוסיש...".

און סלאָוועס פרעגט: „איז דען די שולד פון די שרייבער, וואָס דער ווייט־גרעסטער טייל פונעם סאָוועטישן יידנטום האָט אויפגעהערט צו ריידן מאַמע־לשון?". וואָלטן מיר דאָך זיכער געקענט דערוואַרטן פון אַזאַ אינטעלעקטואַל, ווי סלאָוועס, ער זאָל די סיבה פון אַזאַ דערשיינונג „דיאַלעקטיש" זוכן אַ ביסל טיפער. סלאָוועס קלייבט דאָ אויס דעם גרינגערן וועג פאַר זיך: ער זאָגט חלילה גאָרניט, נאָר עס פילט זיך אין אַלע זיינע רמזים: אַז אויך די שרייבער זיינען ניט שולדיק. דער שולדיקער איז אַוודאי — דער ראַטן־פאַרבאַנד...

דער גרויסער אומגליק מיט די חיים סלאָוועסעס, אי. גאָלדבערגס און זייער גלייכן איז דאָס, וואָס זיי באַטראַכטן שפּראַך, קולטור, ווי אַ זאַך, אָן און פאַר זיך, וואָס האָט אין גאַנצן ניט קיין שייכות צו די אָביעקטיווע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען. נאָך מער, זיי קענען, בשום אופן, ניט באַנעמען, אַז זיי, די לעצטע, זיינען עס די באַזע און פון זיי, אַלס פועל־יוצא, וואַקסט אַרויס קולטור און שפּראַך.

איידער סלאָוועס האָט פאַרטראַכט אָט דעם אַרטיקל, האָט ער דאָך באַדאַרפט און געקענט זיך אַליין קודם, שטעלן די פראַגע: צי איז פאַראַן אַ וועזנטלעכער אונטערשייד אין דעם פּראָצעס פון דעם אינדוסטריעלן אויפשטייג צווישן אַ קאַפּיטאַליסטישער און סאָציאַליסטישער סיסטעם? (אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, וואָס ביי דער ערשטער זיינען די פּראָדוקציע־מיטלען אין די הענט פון געציילטע, זיינען זיי ביי דער צווייטער אין די הענט פון פאָלק) אָבער ביידע שטרעבן צו אַ וואָס גרעסערן אינדוסטריעלן אויפשטייג; ביי ביידן איז דער ציל — וואָס גרעסערע, און פאַרברייטערטע אינדוסטריעס. די ערשטע טוען עס צוליב גרעסערע פּראָפיטן; די צווייטע — צוליב ווילזיין פון פאָלק...

און אפשר דאָ וואָלט ער עס באַדאַרפט זוכן די סיבה פון דערנענטערן זיך פון מינאָריטעטן און נאַציעס, טאַקע אין דעם זעלבן פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע, און דאָ אויך — דאָס רעדן אויף איין שפּראַך...

אָט ליגט פאַר מיר אַ בראָשור פון שלמה ראַבינאָוויטש: „יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד" אַרויסגעגעבן דורך דער פּרעסע אַגענטור „נאָוואָסטי" אין מאָסקווע, אין סוף פון די 60ער יאָרן. ער שרייבט: „דער לעצטער צענזוס האָט געוויזן, אַז איבער צען מיליאָן מענטשן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן אָנגענומען די רוסישע שפּראַך, אַלס זייער מאַמע־לשון. אין דאָזיקן ציפער גייט אַריין די גרעסטע צאָל יידן". ווען אין 1926, האָבן 70% פון די יידן געהאַלטן, אַז יידיש איז זייער מוטער־שפּראַך, האָבן אין 1959 נאָר 21% געהאַלטן יידיש אַלס זייער שפּראַך, און אין 1970 — 17%. דאָס איז אַ נאַטירלעכער פּראָצעס.

אָבער פאַר וואָס נאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד? אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַנוצן זיך יידן אַלץ וויניקער מיט זייער שפּראַך. אַ סך וויניקער ווי 20% ריידן יידיש. און דער פּראָצענט איז נאָך קלענער אין פראַנקרייך און אומבאַדייטנדיק אין ענגלאַנד.

באַלד נאָך דער רעוואָלוציע האָט ראַטן־פאַרבאַנד אויפגעשטעלט אַ ברייט־פאַרצווייגטע נעץ פון יידישע שולן, ווייל אַלס כלל, האָבן אָט די קינדער קיין אַנדער שפּראַך ניט פאַרשטאַנען. דער ציל איז דאָ געווען באַקענען דעם יונגן דור מיט דער קולטור און אויפטואונגען פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. דאָס איז טאַקע געווען די יידישע שול, וואָס האָט דערמעגלעכט זיי זיך צו באַטייליקן אין די פאַבריקן, מינען און בוי־אינדוסטריע, אין די אוניווערסיטעטן, לאַבאָראַטאָריעס און אַנדערש־ווו.

אָבער מיט דער צייט האָט זיך דאָס לעבן אין גאַנצן געביטן. יידן אין די גרויסע שטעט, האָבן זיך אָנגעהויבן אויסמישן מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. פאַרשטייט זיך, אַז זייערע קינדער האָבן זיך דערצויגן גאָר אין אַן אַנדערער סביבה און יידן האָבן אָנגעהויבן שיקן זייערע קינדער אין די אַלגעמיינע סאָוועטישע שולן. דאָס איז געווען גרינגער און פּראַקטישער. צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן איז שוין געווען אַ הייפל פון יידישע שולן און אין די 60ער איז שוין אין גאַנצן ניט געווען קיין נויטווענדיקייט אין אַזעלכע שולן. (דאָרטן, קאַפּיטל — אַסימילאַציע, ז' 64 און 65).

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי ביי אונדז, קומט פאָר אַ שטענדיקער טעכנאָלאָגישער אויפשטייג. מען בויט וואָס גרעסערע זאַוואָדן און פאַבריקן. מענטשן פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן אַרבעטן צוזאַמען. נאַציעס קומען צו נעענטער איינע צו דער צווייטער. און אין דעם גראַנדיעזן פּראָצעס פון פּראָדוקציע מוזן מענטשן ריידן אויף איין געמיינזאַמער שפּראַך.

אָבער דער אינטעלעקטואַל, סלאָוועס, זוכט ניט די דערשיינונג — פאַר וואָס יידן האָבן אויפגעהערט ריידן יידיש — אין דעםווירקלעכן לעבן. ער זוכט די סיבה אין די הימלען. ער שרייבט: „דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס

אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור — אין דער טעמאַטיק פון אונדזערע טעג — און איך שטרייך אונטער, פון אונדזערע טעג — האָט זיך באַוויזן אַ נייער העלד, אַ ייד פון אַ באַזונדערן מין, וועלכן דער פראַנצייזישער פילאָזאָף און שריפטשטעלער זשאַן־פּאָל סאַרטער, באַצייכנט מיט דעם טערמין: „אומאויטענטישער ייד״ (דאַרטן).

וואָלטן מיר פאַר זיך ניט געהאַט אַזאַ שפּראַך פון „פליטערלעך״, וואָלט סלאָוועס ניט באַדאַרפט געווען ברענגען אַזעלכע אויטאָריטעטן, ווי אַ סאַרטערן, כדי צו דערזען אַזאַ שפּאָגל נייעם טיפּ, וואָס איז אומאויטענטיש... אַ טיפּ, וואָס מיר זעען אים טאָג־טעגלעך אין אַלע לענדער און ניט נאָר אין דער „טעמאַטיק פון אונדזערע טעג״, נאָר שוין אַ שיין ביסל יאָרן. ווייל, אייגנטלעך, וועמען האָט דאָס דערזען סאַרטער? — אַ פראַנצייזישן יידן, וואָס לעבט אין 20טן י״ה אין פראַנקרייך, רעדט פראַנצייזיש און באַטייליקט זיך צוגלייך מיט אַנדערע אין עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן. און דערוואָרט האָט ער, סאַרטער, ווייזט אויס, אַ יידן פון מיטלאַלטער אין אַ שטעטל פון דער אַמאָליקער גאַליציע?

און אָט דעם אומאויטענטישן יידן, דערזעט עס סלאָוועס אין ראַטן־פאַרבאַנד! אָט דאָרטן, ווו יעדער ייד האָט אַ מעגלעכקייט צו קומען צום העכסטן שטאַפּל פון עקאָנאָמישן, קולטורעלן, שטאַטלעכן, געזעלשאַפטלעכן געביט. ביי אָט דעם דאָזיקן יידן אָן קיין טלית און אָן תפילין, האָט ער, סלאָוועס, דערזען, אַז דער „שפּראַך־בגד״ (סלאָוועסעס אויסדרוק) איז אָן אויסגעבאָרגענער... „זיי ריידן גאָר ניט קיין יידיש, נאָר רוסיש!״...

סלאָוועס בענקט, ווייזט אויס, נאָכן יידן פונעם קליינעם, אַלטן שטעטל און דאָס שטעטל זאָל דווקא זיין אין געטאָ און דער ייד זאָל קיין אַנדער שפּראַך ניט קענען און דעמאָלט, וואָלט ער מיט פרייד דערזען זיין אויטענטישן יידן...

אָבער דעם טיפּ, וואָס סלאָוועס געדענקט פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור און וואָס עס מאָלן נאָך מיט אַזוי פיל התמדה ביז היינט צו טאָג אונדזערע בירגערלעכע שרייבער — אים זעט ער ניט אַרום זיך, ניט אין פראַנקרייך, ניט אין ר״פ. און זיין נאַציאָנאַלער געפיל איז דאָ באמת געטראָפן!.

און סלאָוועס וויל זיך אַליין, אָדער אויך אונדז טרייסטן; ער שרייבט: „אין זיין פענאָמענאָלאָגישן אַנאַליז, האָט זשאַן פּאָל סאַרטער — און דאָס אָנערקענט ער אויך — געהאַט פאַרן אויג בעיקר דעם פראַנצייזישן יידן, ריכטיקער, אַ געוויסן שיכט פראַנצייזישע „יאַהודים״ אויפן סאַמע ראַנד פון דענאַציאָנאַליזירונג. צווישן אָט די יידן האָט סאַרטער געפונען דעם מאָדעל פון דעם אומאויטענטישן יידן..״. (דאַרטן, ז׳ 11).

דאַרפן מיר ניט נעמען צו פיל ערנסט אָט די טרייסט, ווייל וואָלט אַזאַ טיפּ געווען טאַקע נאָר ביי די „יאַהודים״, וואָלט ער דאָך געווען אַ מיעוט און די מאַיאָריטעט וואָלט דאָך גערעדט יידיש, וואָלטן מיר דאָך ניט באַדאַרפט איינפירן ענגלישע און פראַנצייזישע זייטן אין אונדזערע יידישע צייטונגען...

און וואָלט עס געווען אַ דערשיינונג „נאָר פון אונדזערע טעג" — וואָלט דאָס דאָך געווען אַן אָנהויב, ווען יידן הערן אויף ריידן יידיש און די דערשיינונג איז שוין אַ גאַנץ אַלטע... עלטער פון סלאָוועסן אַליין...

סלאָוועס פרעגט: „ווייל די צאָל יידיש־ריידנדיקע פאַרמינערט זיך אין ר"פ צי איז ניט מעגלעך, אַז אָט די פראַגע זאָל ניט זיין קיין לעבנס־פראַגע פאַר דער יידישער ליטעראַטור?" — זייער מעגלעך און קיינער קאָן ניט געבן קיין גאַראַנטיעס! קיינער קאָן ניט שטעלן קיין פאָדערונגען צום פּראָדוקציע־פּראָצעס און קיינער קאָן ניט האָבן קיין טענות צו דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק. אָבער פון ווען אָן האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן, אַז די אָביעקטיווע עקאָנאָמישע באַדינגונגען זאָלן זיך גראָד צופּאַסן צום „לינגוויסטישן בגד" און ניט פאַרקערט?.

אין זיין נאַציאָנאַליסטישן געפיל גייט סלאָוועס אַ ביסל ווייטער, זאָלן מיר זאָגן אָפן: אַ ביסל צו ווייט... פאַר אים שטייט שוין ניט די פראַגע נאָר פון אַן אומאויטענטישן טיפּ, נאָר אָט דער סאָרט טיפּ, ווערט ביי אים באַצייכנט: „רייזנדע אָן באַגאַזש"... אַ גאַנץ שווערער אורטייל אַרויסגעגעבן מיט אַ גאַנץ גרינגער האַנט. ווייל מיר וויסן דאָך, אַז אַ קולטור־באַגאַזש האָבן זיי יאָ, נאָר ניט מער, וואָס די סביבה האָט זיי אַ ביסל דערווייטערט פון אונדז און דעריבער איז זייער באַגאַזש אַ ביסל ווייט פון „יידישקייט"...

און דאָ קומען מיר צום עיקר: וואָס פאַרשטייט חיים סלאָוועס אונטער דעם וואָרט: „יידישקייט"? — לויט „סאָוועטיש היימלאַנד", זאָגט אונדז סלאָוועס, איז דאָס „נאַציאָנאַלע ספּעציפיק", „נאַציאָנאַלער קאָלאָריט". לויט סלאָוועסן גופא: „נאַציאָנאַלע אָנלאָדונג". אָבער דאָס זיינען דאָך אַלץ אַבסטראַקטע באַגריפן און מיר נייטיקן זיך, בפירוש, קאָנקרעטע אָנצורופן זאַכן ביים נאָמען.

קודם, איז דאָך דער תוכן פון אָט דער יידישקייט גאַנץ פאַרשיידן אויפ־געפאַסט פון פאַרשיידענע קלאַסן, גרופּן, שיכטן פון פאָלק גופא. חיים סלאָוועס שרייבט: „ביי די קלעריקאַלע יידן איז דאָך דער תוכן פון יידישקייט, אַזאַ, וואָס מיר, סעקולאַרע יידן, וועלן אים זיכער פאַרוואַרפן. אַ גאַנצע ריי אַטריבוטן פון יידישן אייגנאַרט, וואָס במשך פון יאָרהונדערטער זיינען זיי באַטראַכט געוואָרן, שיעור ניט ווי דער ווינקל־שטיין פון קיום־האומה, האָבן פאַר אונדז מאָדערנע יידן זיך אויסגעליידיקט פון יעדן לעבעדיקן אינהאַלט און פאַרוואַנדלט זיך אין היסטאָרישע קוריאָזן. באָרד און פיאות, שטריימלעך — מיר קוקן אויף זיי ווי אויף אַ מין בייז וווּנדער. זיי האָבן אין אונדזערע אויגן אַ פּנים פון טעאַטער־אַקסעסואַר. נאָך מער — די קולינאַרע יידישקייט — טשאָלנט, געפילטע פיש, איז בלויז איין שפּאַן צום סטיל — „בייגל מיט לאָקס", וואָס איז אין אַמעריקע געוואָרן דער סינאָנים פון שונד און שפּאָט יידישקייט".

געוויס איז סלאָוועס גערעכט וועגן דער יידישקייט פון די קלעריקאַלע יידן. אָבער אין וואָס באַשטייט זיין אייגענע, סלאָוועסעס, יידישקייט? — אויף

דעם געפינען מיר שוין ניט ביי סלאָוועסן קיין ענטפער. און טאָקע אויב מ׳באַזייטיקט די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע זייטן פון פאָלקס־לעבן, איז וואָס זשע בלייבט שוין איבער אויב ניט די ליטעראַטור פון אָט דעם פאָלק?

איז דעריבער, ווען סלאָוועס וויל דאָ דעפינירן זיין אייגענע „יידישקייט" און גייט איבער צו זיינע „פראַגע־צייכנס", מוז ער זיך אָפּשטעלן נאָר און אויס־שליסלעך אויף ליטעראַטור. סלאָוועס פאָרמולירט עס אויף אַזאַ אופן: א) דער ערשטער און וויכטיקסטער איידל־מעטאָל פאַר יעדער ליטעראַטור — איז שפּראַך, וואָס איז פאַר זיך גופא אַן אומגעהויער קאָנצענטראַט פון נאַציאָנאַלן אייגנאַרט. (מיר האָבן דאָ שפּראַך — נאַציאָנאַלע אייגנאַרט); ב) ווי דאַרף זיין די באַציונג פונעם יידישן העלד צו זיין נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, ס׳הייסט צו זיין יידישקייט? — (איר זעט שוין דאָ: שפּראַך — נאַציאָנאַלע אייגנאַרט — יידישקייט).

וויפל מיר זאָלן זיך ניט באַמיען וועלן מיר, אָפנהאַרציק גערעדט, בשום אופן ניט קענען באַנעמען אָט די אַנגעוואָרפענע „פרעג־צייכנס", אָדער טעזיסן און אַוודאי זיי ניט קענען פאַרוואַנדלען אין אונדזער דמיון אין קאָנקרעטע רעאַליטעטן!

וויפל איר זאָלט ניט טראַכטן, זעט איר, אַז סלאָוועס, צוגלייך מיט זשיטלאָווסקין, זעען די „יידישקייט" אין דער ליטעראַטור און די ליטעראַטור אין דער שפּראַך. בייביידן ווערט דער ענין „נאַציאָנאַליטעט" רעדוצירט צו יידישקייט; יידישקייט צו ליטעראַטור און ליטעראַטור צו שפּראַך.

חיים סלאָוועסעס אַרטיקל: „אויסרוף־צייכנס, פרעג־צייכנס און קלאַמערן" (זייער אַ פליטערלעכע שפּראַך!), ברענגט אַרויס איינע פון די אַנגעוויטיקסטע, פאַר אונדז יידן, פראַגע — די פּראַגע פון סטאַלינס תקופה אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

חיים סלאָוועס שרייבט: „למען האמת, דאַרף מען פעסטעלן, אַז די ערשטע, וואָס האָט די קלאַמערן באַנוצט, איז געווען דווקא „סאָוועטיש היימלאַנד". דער נומ׳ 1 פון זשורנאַל, דאַטירט יולי־אויגוסט 1961, הויבט זיך אָן מיט אַ טראַ־דיציאָנעלער ווענדונג צום קורא־הנכבד, צום טייערן לייענער. און די דאָזיקע ווענדונג קלינגט פונקט אַזוי, ווי דער פריערדיקער נומער פון אַ פריערדיקן זשורנאַל, וואָלט דערשינען אָט אָקאָרשט, מיט אַ חודש, צוויי פריער. וועגן דעם, אַז צווישן דעם דערשינענעם „סאָוועטיש היימלאַנד" און דעם לעצטן נומער פונעם לעצטן יידישן ליטעראַרישן זשורנאַל אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינען פאַרלאָפן גאַנצע דרייצן יאָר און אַז דאָס זיינען געווען יאָרן פון גרויל, בלוט און טרערן — וועגן דעם ווערט ניט דערמאָנט קיין איין וואָרט. דאָס אַלץ איז אַריינגענומען געוואָרן אין קלאַמערן..." („יידישע קולטור", 10.66, ז׳ 14).

אַז אָט אין דער צייט זיינען פאָרגעקומען האַרבע פאַרלעצונגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעצגעבונג און זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט וויטיק און צער דורך ערלעכע מענטשן און ספּעציעל דורך די, וואָס האָבן זייער

לעבן אָפּגעגעבן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז קיין ספק ניט. אַז אַט די צייט פון פערזאָנען קולט איז געווען אַ שווערע ניט נאָר פאַר יידן, נאָר פאַר אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אַריינגערעכנט זיין אייגן פאָלק — די גרויזינער און אַפילו די גרויס־רוסן, ווייסט יעדער. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען דאָס אויפשטעלן, דאָס לאַנד נאָך דער היטלער אינוואַזיע אין באַדינגונגען פון דער קאַלטער מלחמה.

וואָס פאַר אַ פאַרברעכנס עס ווערן ניט באַגאַנגען אין דער געשיכטע, איז אָבער דאָס געזעץ פון דער נאַטור, אַז דאָס לעבן מוז אָנגיין ניט אָפּפרעגנדיק. און די, וואָס פאַרשטייען עס ניט, קענען ניט פאָדערן, אַז דאָס לעבן זאָל זיך אָפּשטעלן. אי מען וואָלט ניט געווען ביכולת דאָס צו טאָן, אי אַזאַ פאָדערונג וואָלט נאָר פאַרלענגערט אַזאַ לאַגע. אַז חיים סלאָוועס איז פון די לעצטע דאָס ניט צו פאַרשטיין איז גאָר קיין פראַגע ניט.

סלאָוועס שרייבט ווייטער: „ס'ווייזט אויס, אַז דער פּרינציפּיעלער ענין איז נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט און עס איז ניט פאַרענדיקט ענדגילטיק די פראַגע, צי די יידישע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד און די יידישע ליטעראַטור בתוכם, איז נאָך בכלל נויטווענדיק, אָדער ניט. צי זי אַנטשפּרעכט היינט צו טאָג אַ קאָנקרעטער היסטאָרישער באַדערפעניש, אָדער איז ניט מער, ווי אַן איבערבלייבונג פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה, אַ רעשט פון נעכטן, וואָס דאַרף אין בעסטן פאַל, בלויז ווערן טאָלערירט". (דאָרטן).

און צום סוף: „עס איז ניט גענוג אַריינצונעמען אין קלאַמערן דעם טראַגישן אורטייל, וואָס האָט געהאַט פאַרמשפּט אָפּצווישן פון דער אויבערפלאַך אַ גאַנצע ליטעראַטור, ווי די העכסטע פאָרעם פון נאַציאָנאַלער קולטור. קלאַמערן זיינען ניט קיין שוץ און ניט קיין מקום־מקלט. זיי מוזן אויפגעעפנט ווערן און פאַרשווינדן, כדי עס זאָל קאָנען פאַרשווינדן די לעצטע שפּורן פון אַ תקופה, וואָס איז צום גליק, אַליין שוין אַ פאַרשוווּנדענע...". (דאָרטן).

איז כאָטש סלאָוועס פאַרזיכערט אונדז, אַז די תקופה איז שוין אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ פאַרשוווּנדענע (איז דאָך גוט), פרישט ער זי אָפּ נאָך אַ מאָל פאַר אונדזערע שונאים. עס פילט זיך, אַז לויט זיינע טענות וועגן דער לאַגע פון דער יידישער ליטעראַטור אין ר"פ, האָט ער, סלאָוועס, נאָך גאָר אַ סך אויסצוזעצן. און דווקא ניט צו די יידישע שרייבער, נאָר דווקא צו דער סיסטעם, וואָס האָט געשאַפן אַ לאַגע, אַז יידן זאָלן ריידן בעסער רוסיש און ניט קיין יידיש. (איז נאָך אַ מאָל, וואָס הערט זיך וועגן ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע און נאָך ?).

און אגב וועגן עפענען די קלאַמערן. דאַרף מען דערמאָנען, אַז דאָס איז געווען די סאָוועטישע קאָמפּאַרטיי, וועלכע האָט, פון איר אייגענער איניציאַטיוו, זיך געשטעלט קעגן דעם פערזאָנען קולט און זיינע פאָלגן, און איז צוגעטראָטן צו פאַריכטן און ליקווידירן די באַגאַנגענע פאַרלעצונגען אויף אַלע געביטן פון לעבן. אַזוי זיינען אויך רעהאַביליטירט געוואָרן די יידישע שרייבער און קולטור

טוער. עס ווערן פון דאָס ניי אַרויסגעגעבן זייערע ווערק אין אָריגינאַל און אין פאַרשיידענע איבערזעצונגען.

אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל ווייזט זיך סלאָוועס זיכער ניט אַרויס אַלס פריינד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. און ווייל ער איז ניט קיין פריינד, איז ער אַוודאַי ניט אָביעקטיוו, נאָר אויסגעשפּראָכן סוביעקטיוו און דעריבער קאָן ער די אמתע סיבות פאַר דעם ענין „שפּראַך", דעם ענין „אומאויטענטישער טיפּ", קיין סך ניט דערקלערן. (אַן ענין, צו וועלכן עס וועט אונדז נאָך אויסקומען זיך אומקערן).

פון דעסט וועגן איז ער געווען געדרוקט אין אַמעריקאַנער „איקוף"־זשורנאַל, איבערגעדרוקט אין קאַנאַדע, פראַנקרייך און ישראל און דאָס וויכטיקסטע: אַ טייל פון די „פּראָגרעסיווע" האָבן עס אונטערגעכאַפּט, ווי אַן אבן־טוב.

אמת, חיים סלאָוועס גיט צו: „אַוודאַי וויסן מיר, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד — ווידער ווי אין מערב־אייראָפּע און פּונקט ווי אין אַמעריקע — איז די פראַגע וועגן יידישקייט אין אירע פאַרשיידענע אַספּעקטן און אין שייכות מיט די פאַרשיידענע מינים יידישקייט — ווייט ניט פון קיין לעבנס־פראַגע פאַר פיל טויזנטער, פאַר פיל הונדערטער טויזנטער יידן".

מיר קענען ניט מסכים זיין מיט סלאָוועסן אין אופן פון אַוועקשטעלן די פראַגע אָן אַן אונטערשייד פון ראַטן־פאַרבאַנד און די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ווען דאָרט, אין ר"פ קאָן די צאָל יידיש־ריידנדיקע פאַרמינערט ווערן, בלייבן נאָך אַלץ די קינדער מיט דער זעלבער אידעאָלאָגיע און מיט אונדז, בעת אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווערן אונדזערע קינדער באַאיינפלוסט פון דער סביבה און ווערן — אי שפּראַכלעך אי אידעאָלאָגיש — אָפּגעפרעמדט פון אונדז.

און דאָ קומען מיר צום דיאַלעקטישן אמת, אַז ניט אומעטום קענען מיר אָנווענדן די זעלבע וועגן און מיטלען, ווייל אַלץ הענגט אָפּ אין די אָביעקטיווע באַדינגונגען ווי פון צייט און אָרט. דעריבער, דאָס וואָס איז וויכטיק פאַר מערב־אייראָפּע, אָדער אַמעריקע, קען לחלוטין ניט חל זיין אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

חיים סלאָוועס אַנטוויקלט די טעזע, אַז אַ פאָלקס־קולטור קען נאָר עקזיסטירן, אָנהאַלטנדיק זיך אין דער ירושה פון אַלע דורות. ריידנדיק וועגן י. ל. פּרצן, אַלס איינעם פון די גרונטלייגער פון דער יידישער קולטור, ציטירט ער אים: „יידישקייט — האָט י. ל. פּרץ גערופן — טאָר ניט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש אין דער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט, איבעראַל, איבער דער גאַנצער וועלט און אין אַלע צייטן!".

חיים סלאָוועס שרייבט: „עס איז דאָך אַ פאַקט ניט אָפּצופרעגן: אונדזער מאָדערנע יידישע קולטור איז אויפגעקומען אין קאַמף קעגן היסטאָרישקייט"... „דער יידישער אַרבעטס־מענטש, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין פאָדערגרונט פון אונדזער מאָדערנער געשיכטע, האָט ווי יעדער געזעל־

שאַפּטלעכער קלאַס געבראַכט מיט זיך די גרויסע און געזונטע היסטאָריש־דיאַלעקטישע נעגאַטיווע באַציונג צו אַלע גרונט־ווערטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן ביז אים. אין פיל הינזיכטן, איז אָבער די דאָזיקע נעגאַציע געווען אַ סך אַ טיפערע, ווי ביי די אומות העולם". (דאָרטן).

און ווייטער: „די סאָוועטישע יידישע קולטור, ד"ה די, וואָס זיינען געשטאַנען ביים רודער פון דער סאָוועטיש־יידישער קולטור, האָבן זיך געפלייסט מיט אַלע כוחות אויסצומעקן דעם היסטאָרישן זיכרון פון פאָלק. דאָס איז געווען אַ טראַגישער אומזין".

און ווייטער: „מען האָט געבויט אַ בנין, אַ באמת ווונדערלעכן בנין. די ווענט האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און שענער. קיין פונדאַמענט האָט מען ניט געלייגט — קיין פונדאַמענטן פון עבר. מען האָט געפלאַנצט אַ וואַלד פון בוימער איינער פּרעכטיקער פאַרן צווייטן. ווי נאָר אַ בוים האָט זיך צעבליט, האָט מען תיכף זיך געפלייסט אַרויסצורייסן זיינע וואָרצלען".

לייענט איר אָט דאָס אַלץ און איר שטוינט: דער מענטש, וואָס זעט אין דער ליטעראַטור „אומאויטענטישע טיפּן" און קומט אַרויס מיט דער מליצה פון אַן אַמאָליקן משכיל. אפשר גאָר זוכן ווייטער: „דעם קליינשטעטלדיקן בעל־דרשן". עפּעס שטימט דאָס אַלץ ניט מיט דער ווירקלעכקייט. פּרץ מאַרקיש — „דור אויס, דור איין"; מ. דאַניעל — „שלמה מיימאָן"; א. קאַהן — „אהרון ליבערמאַן"; האַלקין — „בר־כוכבא"; דער נסתר — „משפּחה מאשבער" און נאָך און נאָך. און דאָס דאַרף הייסן „אויסגעמעקט דעם היסטאָרישן זיכרון פון פאָלק".

און ווייטער: „די קולטור איז אָפּגעריסן פון פאָלק. דאָס פאָלק איז אָפּגעשיידט פון קיום. מען האָט זיך געפלייסט צו שאַפן אַ נייעם מיטאָס — אָן אַ נעכטן און אָן אַ מאָרגן, אָנשטאָט דעם אַלטן, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרגעסן ווערן. אַ מיטאָס, אָבער ווערט געבויט ניט דורך אַ דעקרעט, נאָר פון דורות געשיכטע".

אָט די אַלע אַרויסגעבראַכטע ציטאַטן ווייזן אונדז די שרעקלעכע פאַרצווייפלונג פון אונדזער יידישער אינטעליגענץ, וואָס נעסטלט זיך אין דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע. חיים סלאָוועס פירט אונדז דאָ צו צו דער ירושה פון אונדזער אַלטער געשיכטע. ער שיילט דאָ ניט אויס דאָס פּראָגרעסיווע אין איר, נאָר נעמט זי אָן, ווי אַ גאַנצע. ער לאָזט ניט צו, מען זאָל דאָ צוגעבן, אָדער אויסמעקן אַן אות, ווייל דאָס איז אַלץ „תורה־מסיני" און הייליק איז ניט נאָר די תורה, נאָר אויך דער מיטאָס.

חיים סלאָוועס פאָדערט אויף זיך אומקערן צו די גוטע אַלטע, גאָטספאָרכטיקע צייטן, צו די צייטן פון טייטש־חומש. „משה האָט באַקומען די תורה פון באַרג סיני און האָט זי איבערגעגעבן צו יהושע און יהושע האָט זי איבערגעגעבן צו די זקנים און די זקנים צו די נביאים און זיי האָבן זי איבערגעגעבן צו די אַלטע לייט פונעם גרויסן סינאָד. און עס קאָן דאָ אַוועקגיין אַ סדרה פון תנאים און אמורים, פון נביאים און רבנים, פון חכמים און פוסקים, פון בעלי הלכה און בעלי־הגדה, פון געטלעכע משוררים, מפרשים און מגידים און אַלע, אַלע

האָבן זיי פּאַרפּעסטיקט די הייליקע אַרבעט פון דער כנסת־הגדולה. און אָט דער פאַרשימלטער שמן־זית׳דיקער מיטאָס דאַרף אונדז געבן די לעבעדיקע כוחות צו פאַרפעסטיקן אונדזער קולטור!...

אָט די רעאַקציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ממש טויזנטער יאָרן און געהאַלטן פאַרשקלאַפט די אָרעמע הארעפּשנע מאַסן, דאַרף זי, ווי אַ ירושה, זיין די אינספּיראַציע פאַר אונדזערע ווייטערדיקע שאַפונגס־פּראָצעסן, ווי אויך אַלס גרונט־הנחה צו בויען אַ יידישע קולטור אויף געזונטע און סאָלידע יסודות.

ווי אַזוי קענען מיר פאַרצייכענען אַזאַ קער פון אַ חיים סלאָוועס, אויב ניט ווי אַ פולשטענדיקע רעזיגנאַציע פון אונדזער גאַנצער וועלט־אַנשויונג? איז דאָס ניט אַ קער צום עבר, צום אַלטן, צו דער פאַרגאַנגענהייט? איז דאָס ניט דער באַנקראָט פון אַ ליבעראַל, מיטגייער אין אונדזערע גרויסע בלוטיקע קאַמפן קעגן מלחמה, קעגן פאַשיזם, פאַר אַ וועלט פון שלום און סאָציאַליזם? איז דאָס ניט אַנטלויפן פון שלאַכט־פעלד, ווען קאַנאָנען מאַכן די לופט צו געדיכט?

פון וואַנען האָט זיך גענומען ביי אַ חיים סלאָוועסן אָט די רעזיגנאַציע? חיים סלאָוועס שרייבט: „עס זיינען געקומען די יאָרן פון אויפשטייג פון פאַשיזם. די לופט איז געוועזן טראַגיש־אָנגעלאָדן מיט געשיכטע. אַלץ מער און מער איז קלאָר געוואָרן אַז מען דערנענטערט זיך צו גרויזאַמע געשעענישן, וואָס אוודאי קיינער האָט ניט געקענט פאָרויסזען זייער פאַרנעם, אָבער וועמענס זין און אומפאַרמיידלעכקייט איז דערשינען באַשיינפּערלעך. דאָס געפיל פון גורלדיקייט האָט געפירט צו חשבון־הנפש״.

אָבער אָט די גורלדיקייט האָט ניט יעדן געקענט פירן צום זעלבן חשבון־הנפש, צו דער זעלבער ריכטונג. אַ געאָרג דימיטראָוו האָט עס געפירט צו אַ מער פאַרעקשנטן קאַמף, אויף לעבן און טויט, קעגן פאַשיזם און אַ חיים סלאָוועס צו רעזיגנאַציע, פאַסיווקייט און אַ קער צום עבר.

סלאָוועס ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס קליינבירגערטום, דער הויפּט־טרעגער פון נאַציאָנאַליזם און דעם שימל פון עבר, איז פאַרמשפט צום אונטערגאַנג. ווענדט ער זיך צום יידישן אַרבעטער. ער זאָגט: „אוודאי, האָבן מיר יידישע אַרבעטער אין אַ גרויסער, אָדער קלענערער צאָל, סיי אין צפון־אַמעריקע, סיי אין מערב־איירָאָפּע, סיי אין די סאָציאַליסטישע לענדער (מערקט אייך, נאָך אַ מאָל אַריינגענומען די סאָציאַליסטישע און קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין איין און דעם זעלבן בינטל). אָבער אַן אָרגאַניזירטן יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַ באַוווסט־זיניקן יורש פון פ אָ ל ק ס ־ ג ו ר ל, אַזאַ, ווי למשל, דער פראַנצייזישער, אָדער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט, אַזאַ ווי מיר האָבן געהאַט אין מזרח־אייראָפּע פאַרן נאַצי־חורבן, אַזאַ פּראָלעטאַריאַט פאַרמאָגן מיר בלויז אין ישראל!״. (איר פאַרשטייט: מיר האָבן אַ יידישן פּראָלעטאַריאַט אומעטום, אָבער ניט ווי אין ישראל). סלאָוועס צעקייט עס פאַר אונדז: „און אָט די ווירקלעכקייט —

אַ פּשוטע, עלעמענטאַרע און אומאָפּפּרעגלעכע — לאָזט זיך דעפינירן אַזוי: דער היסטאָרישער גורל פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער קולטור היינט צו טאָג, לאָזט זיך ניט אָפּטיילן פון גורל פון ישראל. אין אָט דעם קליינעם לאַנד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל ברענענדיקער שנאה; אין אָט דעם לאַנד, וואָס איז פון די עלטסטע צייטן אָן, געווען אויסגעשטעלט אויף אַלע געשיכטלעכע שטורעמס און פון וועלכן, ביי אַלע אומגליקן, עס האָט אַרויסגעשטראַלט אַזוי פיל גייסט אויף דער גאַרער מענטשהייט, אויף אָט דעם קליינעם שטיקל ערד אין מיטל־מזרח שפּילט זיך ווידער אָפּ אַן אַקט פון דער גרויסער לאַנג־לאַנג דויערנדיקער דראַמע, וואָס הייסט קיום פון אונדזער פאָלק, ווי אַ מאָדערן פאָלק״.

איז זאָלן מיר דאָ זיין אָפנהאַרציק און קלאָר זאָגן, אַז דער בעסטער, איבערגעגעבנסטער און שאָוויניסטישער ציוניסט, וואָלט דאָס בעסער ניט געקענט מאַכן. זיך ניט רעכענען ניט מיט די סאָציאַלע באַדינגונגען פון לאַנד; מיטן פאַקטאָר פון אַלע אַראַבישע פעלקער אַרום, און ניט מיטן אימפעריאַליזם דאָרט היינט צו טאָג, האָט סלאָוועס געוואָרפן זיין חן אויף אָט דעם פון גאָט אַליין אויסגעוויילטן ווינקל אויף דער וועלט.

די סנה־מיקוניס גרופּע

א. די שפּאַלטונג אין דער ישראלדיקער קאָמפּאַרטיי

מיר וואָלטן בשום אופן, ניט געקאָנט צוקומען צום שורש, צום וואָרצל פונעם „אויפשוווּנג" פון די נאַציאָנאַליסטישע געפילן ביי געוויסע אַמעריקאַנער חברים, ניט וויסנדיק די ירידה, וואָס האָבן פאַר די לעצטע פינף־זעקס יאָר דורכגעמאַכט אַ טייל פון געוועזענע חברים אין ישראל. אָט פאַר וואָס עס איז אַזוי נייטיק זיך מער באַקענען מיטן קאַפּיטל: „די שפּאַלטונג אין דער ישראל־דיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

ניט פּלוצלונג און ניט מיט אַ מאָל בייטן זיך מענטשן און גייען דורך אַזאַ לאַנגן מהלך פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניסטישן צוגאַנג צו אַן ענג־לאָקאַלן נאַציאָנאַליזם, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט דער סנה־מיקוניס גרופּע. די חלוקי־דעות האָבן זיך באַמערקט אַ צייט פאַרן 15טן צוזאַמענפאָר (1965). דאַן באַמערקן מיר שוין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן ווי אין דער פּראַקטישער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, אַזוי אויך רייבונגען, אויסזעצונגען אַרום דער ניט אויסגע־האַלטענער אָפּאָרטוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישער ליניע אין דער רעדאַקציע פון „קול־העם".

דיסקוסיעס אַרום די טעזיסן צום 15טן צוזאַמענפאָר האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרשאַרפן און די ליניע צווישן די סנה־מיקוניס און ווילנער־טובי גרופּעס האָבן זיך אָנגעהויבן צעגיין, אַלץ מער און מער. ביז עס איז געקומען דער קריזיס — די שפּאַלטונג. דער 15טער צוזאַמענפאָר פון דער ישראלדיקער קאָמפּאַרטיי איז פאַרגעקומען אין רעכטן ברען פון קריזיס, ווען די נאַציאָנאַ־ליסטישע סנה־מיקוניס גרופּע האָט געשפּאָלטן די פּאַרטיי און דורכגעפירט איר אייגענעם צוזאַמענפאָר.

ב. די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון דער שפּאַלטונג

די פאַרשטאַרקטע אַריינדרינגונג פון פרעמדן קאַפּיטאַל, ספּעציעל פון די פאַר' שטאַטן, ווי אויך די גרויסע קאַפּיטאַלן אין פאָרעם פון שילומים (אָנט־שעדיקונגען) פון מערב־דייטשלאַנד, האָט געשאַפן אין ישראל, אין סוף פון די 50ער און אָנהייב פון די 60ער יאָרן, אַן עקאָנאָמישן אויפשטייג. דאָס האָט געווירקט אויף דער אינערלעכער געזעלשאַפטלעכער לאַגע און האָט דערמוטיקט קליינבירגערלעכע טענדענצן.

אין באַדינגונגען פון אַ פאַרשטאַרקטער אַריינמישונג פון דער רעגירונג

אין דער עקאָנאָמיק, אין די מיטלען פון מאַסן־פאַרבינדונג, ווען ס'איז געוואַקסן דער איינפלוס פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק אין דער באַפעלקערונג — האָבן ניט קיין שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן פאַרלאָרן דעם צוטרוי אין דעם מאַרקסיסטיש־לעניניש וועג פון דער פאַרטיי און האָבן געזוכט אַן אויסוועג אין צופּאַסן זיך צו די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן.

דער פאַרטיי איז אויסגעקומען זיך קעגנצושטעלן דעם וואַקסנדיקן שאָוויניזם און נאַציאָנאַליזם, ווען זי האָט גערופן לייזן דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט מיט פרידלעכע וועגן, אויפן גרונט פון רעספּעקטירן די נאַציאָנאַלע רעכט פון ביידע פעלקער, דעם ישראלדיקן און דעם פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק.

נעגאַטיווע און שאָוויניסטישע דערשיינונגען אין גערעכטן קאַמף פון פּאַ־לעסטינער אַראַבישן פאָלק האָבן געהאָלפן דעם אימפּעריאַליזם און די ישראלדיקע הערשנדיקע קרייזן צו פעלשן די פּאַלעסטינער פּראָבלעם און אויסמאָלן דעם אונטערדריקער אין געשטאַלט פון אַן אונטערדריקטן און דעם צוגרייטער פון דער מלחמה אין דער ראָל פון אַן אָנגעגריפענעם, וואָס פאַרטיידיקט זיך. שאָוויניסטישע דערקלערונגען, וועלכע מען האָט געקענט הערן, קעגן דער עקזיסטענץ רעכט פון ישראל, האָבן געבראַכט צו שטאַרקע נעגאַטיווע רעזולטאַטן אין באַוווסטזיין פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג, און האָבן באַשווערט די מעגלעכקייטן פון איבערצייגן די יידישע מאַסן אין דער ריכטיקייט פון דער פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען, ווען די סכנה פון אַ מלחמה, מיטן ציל צו שטירצן די אַנטיאימפּעריאַליסטישע רעזשימען אין די אַראַבישע לענדער איז געוואָרן אַ רעאַלע, האָבן פרעמדע קלאַסן־כוחות גענומען אַריינדרינגען אין די רייען פון דער ישראלדיקער קאָמפּאַרטיי. די דאָזיקע עלעמענטן זיינען געווען פאַרינטערעסירט צו דערפירן צו דער ליקווידאַציע פון דער אינטערנאַציאָנאַ־ליסטישער פּאָליטיק פון דער פאַרטיי.

אויך די לאַגע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווען פאַרשיידענע אָפּאָרטוניסטישע און רעוויזיאָניסטישע אויסטייטשונגען האָבן זיך פאַרשפּרייט נאָכן 20סטן צוזאַמענפאָר פון דער קפ"פ — האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויך דאָ. סנה, מיקוניס און זייערע חברים האָבן זיך צוגעייגנט און אַנטוויקלט די דאָזיקע געפערלעכע אויסטייטשונגען.

ג. די חילוקי־דעות אין דער צייט פון דער שפּאַלטונג

די פירער פון דער סנה־מיקוניס מינדערהייט האָבן זיך באַמיט צו פאַרטושן די קעגנזאַצן, וואָס האָבן געהערשט אין ראַיאָן פון מיטעלן־מזרח און דער עיקר דעם הויפּט־קעגנזאַץ צווישן אימפּעריאַליזם פון איין זייט, און דער נאַציאָנאַל באַפרייערישער באַוועגונג אין די אַראַבישע לענדער און די אַנטיאימפּעריאַ־ליסטישע כוחות אין ראַיאָן פון דער צווייטער זייט.

סנה, מיקוניס און זייערע חברים האָבן זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז דער עיקר און דעצידירנדיקער קעגנזאַץ איז צווישן ביידע נאַציאָנאַליזמען — דעם יידישן און אַראַבישן. אַנטוויקלענדיק דעם דאָזיקן אַנטימאַרקסיסטישן צוגאַנג און מינימיזירנדיק דעם אימפּעריאַליסטישן פאַקטאָר, זיינען די דאָזיקע „פירער" דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן פולקום נעגירט דעם אימפּעריאַליסטישן פאַקטאָר אין דער יוני מלחמה פון 1967, פאַרשטעלנדיק איר אַלס אַ מלחמה צווישן צוויי נאַציאָנאַליזמען און שפּעטער — אַלס אַ גערעכטע, פאַרטיידיקונגס־מלחמה קעגן די אַראַבישע אַגרעסאָרן.

די טעאָריע פון „קאָנפליקט פון צוויי נאַציאָנאַליזמען" האָט דערפירט אירע מחברים צו זען אין דער אַנטיאימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק, אין די סאָציאַלע ענדערונגען אין אייניקע אַראַבישע לענדער, און אין זייער קאַמף צו באַשיצן די געזעצלעכע רעכט פון פּאַלעסטינער אַראַבישן פאָלק — אַ שטרע־בונג פון אַראַבישן נאַציאָנאַליזם צו ליקווידירן מדינת ישראל.

דערקעגן האָבן די פירער און די מערהייט פון דער פּאַרטיי געזאָגט: די אַנטי־ישראלדיקע דערקלערונגען מצד אַראַבישע פאַקטאָרן דאַרף מען טאַדלען און פאַראורטיילן. מען קען אָבער ניט אָפּרייסן די מלחמה געפאַר פון די אימ־פּעריאַליסטישע אינטריגעס אין ראַיאָן, פון די אינטריגעס פון די נאַפט־מאָנאָפּאָלן און דער פּענטאַגאָן סטראַטעגיע.

די פירער פון דער סנה־מיקוניס גרופּע האָבן אָנגעוויזן אויפן קוואַל פון דער מלחמה געפאַר אין דעם, וואָס „די אַראַבישע מדינות אָנערקענען ניט ישראל און שטרעבן זי צו פאַרניכטן".

דערמיט האָבן זיי געשפּייזט די רעגירונגס פּראָפּאַגאַנדע; האָבן אויסגעכשרט איר פּראָאימפּעריאַליסטישע און אַגרעסיווע פּאָליטיק; האָבן פולשטענדיק אויס־געריניקט דעם אימפּעריאַליסטישן פאַקטאָר, נעגירנדיק יעטווידע פאַרבינדונג צווישן דער פּראָאימפּעריאַליסטישער און ציוניסטישער פּאָליטיק פון דער רעגי־רונג (פּאָליטיק פון טעריטאָריעלער עקספּאַנסיע) און דער מלחמה געפאַר.

די יוני מלחמה האָט באַוויזן, אַז מ. סנה און זיינע חברים שטעלן מיט זיך פאָר אַ פּראָרעגירונגס גרופּע, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער אַגרעסיווער מלחמה. איצט טרעט די דאָזיקע גרופּע אַרויס קעגן אָפּציען די ישראלדיקע כוחות צו די ליניעס פון 4טן יוני 1967. זי שטיצט די רעגירונגס־ליניע פון דיקטירן רעגולירונגען די אַראַבישע לענדער אין באַדינגונגען פון מיליטערישער אָקופּאַציע (פון כוח־פּאָזיציעס).

די פירער פון דער דאָזיקער גרופּע האָבן פאַרנומען אַ נעגאַטיווע שטעלונג צו דער אַנטיאימפּעריאַליסטישער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער אַראַבישער באַוועגונג. זייער פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער העצע פון דער ישראלדיקער באַפעלקערונג קעגן דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג און קעגן די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין די אַראַבישע לענדער. לויט זיי, כאַראַקטעריזירט די גאַנצע נאַציאָנאַלע אַראַבישע באַוועגונג די בשותפותדיקע „פּאַן אַראַבישע" שטרעבונג צו פאַרניכטן ישראל. אויב די מצרישע אָדער סירישע פירער פאַרענגערן זייערע פאַרבינדונגען מיטן ראַטן־פאַרבאַנד און זיינען טעטיק אין דער ריכטונג פון סאָציאַלע ענדערונגען און פאַרשטאַרקן זייער עקאָנאָמיק אין זייערע לענדער — ווערט דאָס געטאָן כדי צוגרייטן בעסער די פאַרניכטונג פון ישראל.

„די אַראַבישע פירער, וועלכע קעמפן קעגן אימפּעריאַליזם — האָט געשריבן מיקוניס („מעריב" 25.10.65) — זיינען אונדזערע שונאים און ניט קיין פריינד... מיר איז אָן אונטערשייד אויב דער, וואָס באַדראָט מיר, איז אַ פּסעוודאָ־קאָמוניסט אָדער אַ סאָציאַליסט, אָדער אַן אַנטיאימפּעריאַליסט, אַזוי ווי פאַר אַ פיש איז אָן אונטערשייד אויב מען פּרעגלט אים אויף מאַרגאַרין אָדער אויף פּוטער פון ,תנובה'".

ווי מיר זעען איז דער מאַרקסיסטישער קלאַסן צוגאַנג פאַרביטן געוואָרן דורך די פירער פון דער גרופּע אויף אַ נאַציאָנאַליסטישן. סנה, מיקוניס און זייערע חברים זיינען אַלץ מער אַריבער צו די פּאָזיציעס פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, טענהנדיק, אַז דאָס היימלאַנד פון אַלע יידן אין דער וועלט איז ישראל. מאָטיווירנדיק די דאָזיקע טעזע, האָט מ. סנה געזאָגט (3.3.68) „אין די פאַר' שטאַטן זיינען פאַראַן מער אירלענדער ווי אין אירלאַנד, אָבער אירלאַנד איז דאָס היימלאַנד פון די אירלענדער און ניט פש"אַ".

אויף זייער צוזאַמענפאָר אין אָקטאָבער 1968, איז באַשטעטיקט געוואָרן פאָלגנדיקער דאָקומענט:

„מדינת ישראל איז די רעאַליזאַציע פון דער היסטאָרישער פאַרבינדונג, וואָס האָט עקזיסטירט כמעט 4.000 יאָר, צווישן גאַנצן יידישן פאָלק פון אַלע דורות און צווישן ארץ־ישראל".

אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּלאַן אויפצושטעלן אַ יידישע אָרגאַניזאַציע אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין טעטיק אין אַלע רעזשימען „פאַר אונטערשטיצן מדינת ישראל און רעאַליזירן די שטרעבונג צווישן איר און דעם יידישן פאָלק אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט".

אויך אין אינערלעכן פּאַרטייאישן לעבן האָבן די דאָזיקע „פירער" אָנגעווענדט אַ נאַציאָנאַליסטיש־ראַסיסטישן צוגאַנג. זיי האָבן גערעדט און געשריבן אָפן, אַז ניט אַלע פּאַרטיי־חברים זיינען גלייך, אַז ס'זיינען פאַראַן מיטגלידער וועמענס „ספּעציפישער געוויכט" איז אַ גרעסערער, אַז אַ יידישער חבר האָט אַ גרעסערן ווערט פון אַן אַראַבישן חבר און ענלעכע טעאָריעס.

די סנה־מיקוניס גרופּע איז שוין אין 1965, אַוועק אויף אַן ענג־נאַציאָנאַ־ליסטישן וועג. אָט ליגט פאַר מיר דער אינפאָרמאַציע־ביולעטין פון נאָוועמבער 1965. משה סנה גיט אָפּ אַ באַריכט צום 4טן פּלענום (4.11.65). מיר לייענען:
„עס פאָדערט זיך געגוג צייט זיך צוצוגעוווינען צו דער שפּאַלטונג און דער ליניע צווישן ,דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל' און די אָפּנויגונגען פון די, וואָס האָבן געוואָלט אַריינברענגען ,אַראַבישן נאַציאָנאַליזם' און ,יידישן ניהיליזם'"...

פונדעסטוועגן בין איך געווען דערשטוינט, ווען איך האָב אין דער „פריי־ישראל", פון 17טן אויגוסט 1967, דערזען אַ דערקלערונג פון צ"ק פון דער גרופּע מיקוניס־סנה וועגן באַשולדיקונגען קעגן איר מצד דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אַ ריי פּאַרטייען פון אַנדערע לענדער.

מיר לייענער דאָרט:

„צווישן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ישראל און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ר"פ פירט זיך אַ פּאָליטישע דיסקוסיע אַרום דעם באַוואָפנטן ישראל־אַראַבישן סכסוך פון אָנהייב יוני 1967. לויט דער מיינונג פון דעם ר"פ, איז דאָס געווען אַן אַגרעסיווע מלחמה; לויט דער מיינונג פון אונדזער פּאַרטיי, איז דאָס געווען אַ פאַרטיידיקונגס־מלחמה פון ישראל־פאָלק פאַר זיין מלוכישער סוווערענער עקזיסטענץ קעגן די פאַרשווערונגען צו ליקווידירן און אומברענגען מצד דעם „פּאַן־אַראַבישן שאָוויניסטישן פראָנט". אַזאַ דיסקוסיע, וואָס מען דאַרף פירן מיט דער הילף פון אַרגומענטן און באַווייזן, וועט זיך אַנטשיידן, ווי ענלעכע דיסקוסיעס אין דער פאַרגאַנגענהייט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער רעאַליטעט אַליין...".

„...מען קען יעדנפאַלס ניט אַנטשיידן אַזאַ דיסקוסיע דורך אַ ווילקיר־לעכן און איינזייטיקן אורטייל...".

„...פאַר אונדזער דאָזיקער שטעלונג און טעטיקייט, טראָגן מיר די פולע, פּאָליטישע און מאָראַלישע אחריות...".

„דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ישראלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ברענגט נאָך אַ מאָל אַרויס דעם באַדויערן צוליב דער איינזייטיקער און פאַרקריפּלטער שטעלונג פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק לגבי דעם ישראל־אַראַבישן סכסוך, שטעלנדיק זיך אויף איין צד קעגן צווייטן צד, דורך — איגנאָרירן די דראָונגען און קריגס־אַקטן פון די רעגירער אין די אַראַבישע לענדער, דורך פעלשן באַוווסטע היסטאָרישע פאַקטן צום שאָדן פון ישראל, דורך באַליידיקנדיקע פאַרגלייכן, וועלכע רירן אָן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק...".

„...דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ישראלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ווענדט זיך צו אַלע מאַרקסיסטישע לעניניסטישע שוועסטער־פּאַר־טייען, אַז זיי זאָלן אָפּוואַרפן דעם פסולדיקן מנהג פון אַרויפלייגן אַ שולד

אויף אונדזער פּאַרטיי פון דרויסן און פון אויבן — אַ מנהג, וואָס איז אין ווידערשפּרוך צום פּרינציפּ פון זעלבשטענדיקייט און גלייכקייט צווישן אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, דעם פּרינציפּ פון ניט־הערעמאָניזם און פון ניט־אינטערווענץ פון איין פּאַרטיי אין די פראַגן פון דער צווייטער. דער דאָזיקער מנהג, וואָס איז אָנגעוואָנדן געוואָרן לגבי אונדזער פּאַרטיי, רופט אַרויס אַ פאַרדאַכט פון צוריקקערן זיך צו די מעטאָדן פון די צייטן פון פּערזאָנען־קולט, וועלכע מען האָט געקענט טראַכטן, אַז זיי זיינען שוין פאַרביי ענדגילטיק. די שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוויי יאָר צוריק אין אונדזערע רייען, איז די זאַך בלויז פון די ישראלדיקע קאָמו־ניסטן און בלויז דער ישראלדיקער אַרבעטער־קלאַס האָט רעכט צו אורטיילן, וועלכע עס איז זיין פּאַרטיי...״.

ס'איז כדאי צו דערמאָנען, אַז מיט איבער פיר יאָר צוריק, איז דערשינען אָט די צעיאָכמערטע דערקלערונג, וואָס קאָן אַרויסרופן נאָר פאַרדרוס און איבל ביי יעדן באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריער. די „מאָרגן פרייהייט״ האָט ניט געפונען פאַר נייטיק אינפאָרמירן אירע לייענער, אַז זי אַליין, שטעלט זיך אויפן צד פון אָט דער קליינער מינדערהייט; ניט געפונען פאַר נייטיק צו דערקלערן די חילוקי־דעות; אָנווייזן פאַר וואָס זי האָט אויסגעקליבן גראָד דעם וועג קעגן דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער באַוועגונג און פירן אַ דיסקוסיע מיט אירע לייענער אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג, וואָס זיי טאָקע, די זעלבע לייענער האַלטן אויס; ניט פרעגן זייער מיינונג און זיי נעמען אויפן זיכער.

די פראַגע, צי איז די מלחמה אין יוני 1967 געווען אַן אַגרעסיווע, אָדער פאַרטיידיקונגס־מלחמה (כאָטש דעם ערשטן איבערפאַל האָט בפירוש געמאַכט ישראל...) — טרעפן מיר אין אַן אַנדער פאָרעם צוויי יאָר פאַר דער מלחמה אין די טעזיסן פון 1965. די ווילנער־טובי גרופּע שטעלט שוין דאַן פעסט, אַז עס איז איצט אומעגלעך אַ מלחמה פון אַ קליין פאָלק (און אַפילו אַ מלחמה פון עטלעכע קליינע פעלקער) אָן דער אַקטיווער שטיצע פון איינער פון די גרויסמאַכטן, דעריבער קענען מיר ניט לייגן גרויס אָנזען אויף די „דראָונגען״ פון די אייניקע אַראַבישע פירער... און אוודאי קענען אָט די דראָונגען ניט גורם זיין קיין מלחמה... און ווייטער: אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און גרויסע טיילן פון די געהעריקע אַראַבישע פעלקער זיינען קעגן מלחמה און אויך קעגן אָט די דראָונגען; די געפאַר פאַרן ישראלדיקן פאָלק איז נאָר און אויסשליסלעך אין אימפּעריאַליזם... אין דער זעלבער צייט קומט דאַן אַרויס די סנה־מיקוניס גרופּע מיט דער טעזע, אַז די אַנטי־ישראלדיקע דערקלערונגען און שטעלונגען, וואָס נעגירן די עקזיסטענץ פון ישראל, זיינען עס די רעאַלע געפאַר פאַרן שלום... אָט די דראָונגען שפּייזן אין אַ גרויסער מאָס דעם אַראַבישן שאָוויניזם, דעם „פּאַן־אַראַביזם״...

פון דאַנען: דאָס אָנכאַפּן זיך שפּעטער אין דעם ענין „דראָונגען״, אויס־קלייבן דעם מאָמענט, ווען עס איז געזיכערטער און אָנפאַלן אויפן „שונא״ און

דערביי האַלטן אין איין שרייען, אַז די מלחמה איז אַן „אַרויפגעצוווּנגענע" און דעריבער אַ פּאַרטיידיקונגס־מלחמה... (איז דאָס אַ ריינער צופאַל, וואָס אַט די טעאָריע און אופן פון פאַרשטעלן זאַכן, זיינען זיך גראָד צונויפגעפאַלן מיט די זעלבע אידייען פון אַ דיין און אַ בעגין ?...)

דאָ קענען מיר אַזוי קלאָר און דייטלעך זען די זעלבע שטעלונג פון דער סנה גרופּע אין דער באַציונג צו דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער באַוועגונג: פון די טעזיסן פון מיי 1965 ביז דער דערקלערונג, דעם 17טן אויגוסט 1967 צו אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען — איז גאָר ניט אַזאַ ווייטער מהלך...

דאָרט, אין 1965: „אַזוי ווי יעדע פּאַרטיי אין דער קאָמוניסטישער וועלט באַוועגונג איז אויך מק"י אַ זעלשטענדיקע און גלייכבאַרעכטיקטע פּאַרטיי און זי איז קאָמפּעטענט און פאַרפליכטעט צופּאַסן די אוניווערסאַלע פּרינציפּן פון מאַרקסיסם־לעניניזם צו די ספּעציפישע נאַציאָנאַלע באַדינגונגען פון איר פאָלק און לאַנד".

דאָ, אין 1967: „דער צ"ק פון דער ישראלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווענדט זיך צו אַלע מאַרקסיסטיש־לענינישע שוועסטער־פּאַרטייען, אַז זיי זאָלן אָפּוואַרפן דעם פּסולדיקן מנהג פון אַרויפלייגן אַ שולד אויף אונדזער פּאַרטיי, פון דרויסן און פון אויבן, אַ מנהג, וואָס איז אין ווידערשפּרוך צום פּרינציפּ פון זעלבשטענדיקייט...".

אָט דער פּרינציפּ פון זעלבשטענדיקייט פירט אַוועק די סנה־מיקוניס גרופּע צו דער אידעאַלער אידעע פון באַזונדערע, אומאָפּהענגיקע, סוווערענע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, וואָס פירן זייער לעבן פאַר זיך און פאַראַנטוואָרטלעך צו זיך אַליין... און ווען? — גראָד, ווען דער וועלט אימפּעריאַליזם, איז דורך אַלערליי אָפּמאַכן און קאָאַליציעס פאַרייניקט. און ווען עס פאָדערט זיך פון אונדז, פּראָלעטאַריער, מער ווי ווען עס איז פריער, צעמענטירן אונדזערע רייען קעגן דעם שונא...

ווי עס ווייזט אויס, איז די סנה־מיקוניס גרופּע גאַנץ „אויסגעהאַלטן" אין אירע „פּרינציפּן". אָט פאַר וואָס עס האָט איר אַזוי ווי געטאָן דער ענין טשעכאָסלאָוואַקיע, און זי האָט געפאָדערט, דעריבער, אין אַ בריוו צום צ"ק פון קפּ"טש דערקלערן פאַר אומגילטיק דעם 15טן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמ־פּאַרטיי פון טשעכאָסלאָוואַקיע, וואָס איז פאָרגעקומען ניט לאַנג אין פּראָג.

אין דער זעלבער דערקלערונג פון 17טן אויגוסט 1967, שרייבט די סנה־מיקוניס גרופּע: „די שטעלונג פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק, לגבי דעם ישראל־אַראַבישן סכסוך איז אַן איינזייטיקע און פאַרקריפּלטע...". איז אין וואָס באַשטייט די פאַרקריפּלונג פון דער סאָוועטישער שטעלונג? — דער „קול־העם" שרייבט אין לייטאַרטיקל, דעם 13טן יוני: „אונדזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָפּגע־וואָרפן די קרומע טעאָריע, אַז דער ישראל־אַראַבישער סכסוך, איז אַ סכסוך צווישן קאָלאָניאַליזם און אַנטיקאָלאָניאַליזם, צווישן אימפּעריאַליזם און אַנטי־אימפּעריאַליזם".

איז וואָס־זשע טאַקע איז די סיבה, ווי זי, די סנה־מיקוניס גרופּע, פאַרשטייט זי? — „דער קריזיס אין מיטעלן־מזרח איז פּשוט פאַרורזאַכט געוואָרן דורך דער פיינטשאַפט פון די אַרומיקע אַראַבישע פעלקער צו ישראל".

איר האָט דאָ דעם טראַדיציאָנעלן: „די גויים האָבן פיינט די יידן" און דעריבער איז זייער גרינג צו לייזן אָט דעם קריזיס... וואָס מען דאַרף נאָר, איז: די צוויי גרויסמאַכטן זאָלן באַווירקן די אַראַבער!... איר זעט, אַזוי פּשוט און פּראָסט און ווי געניאַל!

אַז אין אָט דעם סכסוך זיינען געווען פאַרוויקלט גאַר גרויסע אינטערעסן מצד דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם צו באַפעסטיקן זיינע פּאָזיציעס, אַז אַרום אַ דריטל פונעם וועלט נאַפט, וואָס ווערט דאָרטן פּראָדוצירט געהערט צו די אַמעריקאַנער נאַפט־מאָנאָפּאָלן — דאָס האָט די סנה־מיקוניס גרופּע אין גאַנצן ניט געזען; אַז אין אָט דער פיינער אַרבעט זיינען אַקטיוו פאַרמישט געווען די דיינס און בעגינס — דאָס האָבן זיי אויף אַ מאָמענט פאַרגעסן. ניט זען דאָס, הייסט פּשוט ניט זען די „אייגענע" רעאַקציע ביי זיך אין לאַנד; ניט זען די אייגענע רעאַקציע, הייסט צו באַרעכטיקן אירע פאַרעטערישע טאָטן... הייסט אָנעמען דאָס פאַלק, ווי אַ מאָנאָליט, וואָס שטייט אויסער קלאַסן — אַ „כל ישראל חברים" געעזולשאַפט.

ניט זען דאָס אַלץ, הייסט ניט זען אַרום זיך די פאַרשקלאַפטע גריכנלאַנד, טערקיי, ציפּערן און אַלע אָפּגעשטאַנענע אַראַבישע לענדער; דאָס הייסט, ניט זען דעם קאַמף פאַר באַהערשן דעם מיטלענדישן ים, דורך דעם 6טן פלאָט, און די מיליאַרדן דאָלאַרן פאַר דער אַקטיוויטעט פון דער „סי־אַי־עי" אין אָט די אַלע לענדער. (שוין ניט רייחנדיק וועגן פראַנט פונעם אימפּעריאַליזם און אַלע זיינע באַזעס איבערן ערד־קוגל).

אין אָט אַזאַ צייט, וועלן מאַכן שבת פאַר זיך און אַרויסקומען מיט טענות וועגן „זעלבשטענדיקייט" און וועגן אַ „מנהג", וואָס איז שוין אָפּגעשאַפן געוואָרן — הייסט פאַרלירן יעדן חוש פון מאַרקסיזם.

אין דעם „אינפאָרמיישאָן־בולעטין" פון 21סטן פעברואַר 1970, קאַנאַדע, לייענען מיר אין די טעזיסן פון דער קאָמפּאַרטיי פון ר"פ, צום הונדערט־יאָריקן געבוירן־טאָג פון וו. אי. לענין:

„...יעדער פּרווו צו אונטערשאַצן די איינקייט פון מאַרקסיזם־לעניניזם, קינסטלעך צעשפּאַלטן זי אין נאַציאָנאַלע, אָדער געגנט־וואַריאַנטן, וועט בלי־ספק דערפירן צו אַ רעוויזיע פון די פּרינציפּן אין דער לערע פון אַרבעטער־קלאַס, וועמענס נאַטור איז איינהייטלעך און איז דער פאַרמעגן פון אַלע קאָמוניסטן, פון אַלע רעוואָלוציאָנערן, פון אַלע אַרבעטער־מענטשן...". (ז' 7).

„...די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז געגרינדעט, אויסגעוואַקסן און אַנטוויקלט געוואָרן אַלס אַ פּאַרטיי פון פּראָלעטאַרישע אינטערנאַציאָנאַ־

ליסטן. זי איז טיף אינטערנאַציאָנאַליסטיש אין איר אידעאָלאָגיע, קאָמ־פּאָזיציע און כאַראַקטער פון איר אַקטיוויטעט. זי פּאַרייניקט אין אירע רייען דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז געווען פון דאַן אָן, אַן אומאָפּטיילבארער באַשטאַנדטייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג...״. (דאַרטן).

„...די דערפאַרונג זאָגט עדות, אַז ווי פאַרשטייער פון דער קליין־בורזשואַזיע גיט זיך איין צו האָבן אַן איינפלוס, באַמיען זיי זיך צו שטערן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון אַ סאָציאַליסטישער טראַנספאָרמאַציע, אָנשטעלנדיק איין סאָציאַליסטיש לאַנד קעגן צווייטן, אויפלעבנדיק דעם אָפּאָרטוניזם, רעוויזיאָניזם, נאַציאָנאַליסטישע איינשטעלונגען. אַזאַ געפאַר באַמערקט זיך, ווען מען טרעט אָפּ פון די פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם. מען זעט עס אינעם לינקן רעוויזיאָניזם, וואָס טראָגט אַרייך, אָנשטאָט דעם וויסנ־שאַפטלעכן סאָציאַליזם אַ מין רעאַקציאָנער־אוטאָפּישן, קאַזאַרמע־מיליטערישן סאָציאַליזם. מען זעט עס אין רעכטן רעוויזיאָניזם, וואָס טראָגט אַריין אַ מין ליבעראַלן בורזשואַזן טיפּ סאָציאַליזם...״. (דאַרטן).

דער אימפּעריאַליזם וויל אויסנוצן די ניט־פעסטיקייט און סתירות פון די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס און ער אָרגאַניזירט קאָנטעררעוואָלוציעס, איבערקע־רענישן, העלפט אַרויס די אומפּאָפּולערע מיליטערישע דיקטאַטורן, פאַרשפּרייט נאַציאָנאַליזם און סעפּאַראַטיזם, כדי צו פאַראַליזירן די פּראָגרעסיווע טענדענצן. די דאָזיקע פּאָליטיק פון אימפּעריאַליזם און רעאַקציע ווערט צוריקגעוואָרפן דורך די אַרבעטער־כוחות.

„קאַפּיטאַליזם איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער כוח — שרייבט לענין — בייקומען אים מוז אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־אייניקייט. עס מוז דאָ דעריבער זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־ברידערשאַפט...״. (ב׳ 30, ז׳ 293).

„...ניט נאָר דער פּראָלעטאַריאַט פון די גרויסע מאַכטן, נאָר אויך אַרבעטער פון קליינע לענדער זאָלן שטענדיק געדענקען, ווען זיי קעמפן פאַר זייערע רעכט און נאַציאָנאַלע אינטערעסן, אַז זייער חוב איז צו קעמפן קעגן די קליין־נאַציאָנאַלע, ענגע שמאָלקעפּיקייט, קעגן אָפּגע־זונדערטקייט און איזאָלאַציע, באַטראַכטן דאָס גאַנצע און דאָס אַלגעמיינע, אונטערוואַרפן דאָס פּאַרטיקולאַרע דעם אַלגעמיינעם אינטערעס...״ (ב׳ 22, ז׳ 347).

„...יעדער אַנדערער צוגאַנג הייסט זיך אַריינגליטשן אין נאַציאָנאַליזם, וואָס איז דער טויטלעכער שונא פאַר דער רעוואָלוציאָנערער זאַך. נאַציאָ־נאַליזם, לויט זיין טאַקטיק פון צעטיילן און צעגעמען דערפירט ביז אַ נול דעם הייליקן רוף פאַר מוט און אייניקייט פון די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פון אַלע ראַסן און אַלע שפּראַכן...״. (ב׳ 6, ז׳ 521).

ווער עס איז פאַראינטערעסירט זיך געניער צו באַקענען מיט די רעכטע

אָפּנייגונגען פון דער סנה־מיקוניס גרופּע, וואָלט איך האַרציק רעקאָמענדירט צו באַקענען זיך מיט אָט די טעזיסן פון צ״ק פון דער סאָוועטישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי צו דער געלעגנהייט פונעם הונדערט־יאָריקן געבוירן־טאָג פון וולאַדימיר איליטש לענין. ווי קליינלעך און נעבעכדיק קוקט אויס די אַרגומענ־טאַציע פון דער סנה־מיקוניס גרופּע אין ליכט פון אָט די טעזיסן!

ד. דער היינטצייטיקער רעוויזיאָניזם

דער מאָדערנער רעוויזיאָניזם איז אַנטשטאַנען און עקזיסטירט אין באַדינ־גונגען פון פּראָגרעס פון סאָציאַליזם. ער איז אַ רעזולטאַט פון דעם גרויסן קאַמף צווישן דעם איינפלוסרייכן קאָמוניזם און די לעצטע אָנשטרענגונגען פונעם אימפּעריאַליזם. די דערפאַרונג האָט אונדז געוויזן, אַז ווען דער קלאַסן־קאַמף פאַרשאַרפט זיך, דעמאָלט הייבט אָן דער אימפּעריאַליזם פאַרשפּרייטן וואָס מער אַנטיסאָציאַליסטישע אידייען — רעוויזיאָניזם אין די סאָציאַליסטישע לענדער, ווי אויך דאָרט, ווו דער קלאַסן־קאַמף איז מער פאַרשפּרייט.

די אַקטיוויטעט פון געוויסע רעוויזיאָניסטן, קענען אָן און פאַר זיך האָבן אַנדערע צילן. זיי זיינען אָבער אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען פון קלאַסן־קאַמף, פון קאַמף צווישן קאָמוניזם און אימפּעריאַליזם. „עס איז ניט קיין פראַגע פון כוונות אָדער ווערטער — זאָגט לענין — נאָר פון אָביעקטיווע באַדינגונגען, וואָס באַשטימען דעם גורל און וויכטיקייט פון לאָזונגען, טאַקטיק, טענדענץ, וואָס אַ פּאַרטיי, אָדער גרופּע באַנוצט...״. (ב׳ 19, ז׳ 262).

לעצטנס האָט זיך באַוויזן אַ נייע רעוויזיאָניסטישע טענדענץ, וואָס נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ „מאָדערנעם״ מאַרקסיזם, אַ „באַנייטער און ליבעראַלער קאָמוניזם״, אַ מין „דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם״, וואָס ווערט אַנטוויקלט אין די רייען פון דער אַרבעטער באַוועגונג.

דעריבער איז אַנדערש דער איצטיקער רעוויזיאָניזם פון אַמאָליקן; בעת עדוואַרד בערנשטיין האָט געניצט דעם לאָזונג: „אַוועק פון מאַרקסן!״ (מאַרקס איז שוין פאַרעלטערט, אָבער די באַוועגונג גייט אָן...), ניצן די מאָדערנע רעוויזיאָניסטן דעם לאָזונג: „צוריק צו מאַרקסן!״ דאָס איז אַזוי נאַטירלעך: סאָציאַליזם איז אַריין אין די ביינער פון אַ סך פעלקער און דער אַלטער לאָזונג פון אַ בערנשטיין קען ניט האָבן איצט קיין דערפאָלג... די איצטיקע רעוויזיאָ־ניסטן ווילן „באַנייען״ דעם מאַרקסיזם, זיי ווילן אים „פאַרבעסערן״... (די „מאַרגן־פרייהייט־מאַרקסיסטן״ ווילן אָפּווישן די פלעקן פון מאַרקסיזם; אַרויס־נעמען די שאָטנס פונעם סאָציאַליזם...).

דאָס הייסט ניט, אַז מיינונגס־פאַרשיידנהייטן קענען ניט און טאָרן ניט זיין צווישן איין פּאַרטיי און אַ צווייטער. פאַרקערט, זיי זיינען אַ מאָל גאָר זייער וויכטיק. רעוויזיאָניזם אָבער איז ניט קיין פראַגע פון מיינונגס־פאַר־שיידנהייטן אין דער ראַם פון מאַרקסיזם־לעניניזם, און אַוודאי איז דאָס ניט

דאָס שאַפנדיקע אין פאַרויסגאַנג, נאָר דאָס פאַרוואָרפן די פּרינציפּן און פונדאַ־מענטן פון מאַרקסיזם־לעניניזם לטובת בורזשואַזע קאָנצעפּציעס...

אָט פאַר וואָס, ווען דער מאָדערנער רעוויזיאָניזם פאַרופט זיך איצט אויף דעם „אמתן", „אויטענטישן" סאָציאַליזם, גייט ער שטענדיק צו, ווי מאָדנע דאָס זאָל זיך אויסווייזן, דווקא צו דער אַבסטראַקטער, הומאַניסטישער פילאָזאָפיע און ער איז דווקא שטענדיק קעגן דיאַלעקטיק און היט זיך אָפּ, ווי אַ פרומער ייד פון וויירעך, פונעם היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן צוגאַנג. אָט פאַר וואָס זיין צוגאַנג איז שטענדיק אַן אַבסטראַקטער, „הומאַניסטישער". דער כאַראַקטער איז דאָ אַ רעאַקציאָנערער. אַזוי, למשל, הענרי לעפעברע רעדט וועגן דער „פילאָזאָפיע פון פּראַקטיק", ערנסט פישער וועגן דעם „אַלגעמיינעם מענטשן", „גאַנצע מענטשן", ווי ער זאָל עס אַנטוויקלען אַ פילאָסאָפישע אַנטראָפּאָלאָגיע, אָדער אַ מין „הומאַנאָלאָגיע".

און ווען מיר דערמאָנען דאָ הענרי פישער, איז כדאי צו דערמאָנען דעם אַרטיקל אין דער „רודע פּראַוואָ" (27.1.70) אונטערן קעפּל: „וועמען דינט ערנסט פישער?". אָט דער טעאָרעטיקער איז אין 1969 אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער עסטרייכישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס איז גאָרניט קיין צופאַל, וואָס אַזעלכע אינטעלעקטואַלן ווי אַ פישער, און אַ סך ענלעכע צו אים זאָלן ניט אויסהאַלטן די פּראָבע, ווען עס קומט צו ערנסטע פאַרשאַרפטע קאַמפן צווישן די סאָציאַליסטישע לענדער און דעם וועלט־אימפּעריאַליזם! נאָר אין פייער פון קאַמף ווייזן זיך אַרויס אַזעלכע אינטעלעקטואַלן! האָט ער טאַקע דעם 30טן נאָוועמבער 1969 אין אַן אינטערוויו פאַרן מערב־דייטשישן „שטערן" דערקלערט: „איך בין געוואָרן אַן איבערצייגטער ראַדיקאַלער דעמאָקראַט"... דעריבער האָט ער דאַן דערקלערט, איז זיין פּלאַץ אויסער פּאַרטייען. „איך האָב קיין מאָל ניט ליב געהאַט קיין מאַכט. מאַכט איז מיר שטענדיק געווען איבלהאַפט...". אָבער דער זעלבער „אינטעלעקטואַל" פאַרגעסט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט נאָך דורות־לאַנגער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג באַנוצט זיין מאַכט קעגן אַ רעלאַטיוו קליין הייפעלע מענטשן כדי צו באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט.

פישער זוכט דאָ די „אַבסאָלוטע עמאַנציפּאַציע פון דעם אינדיווידום. ער באַטראַכט די מאַכט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי אַ ביוראָקראַטישן אָפּנייג פון דער ירושה פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פישער טוט אויס דעם דיאַלעקטישן מאַנטל זייער גרינג, ווייל ער איז, אין תוך, קיין מאָל קיין דיאַלעקטיקער ניט געווען.

מיר האָבן זיך דאָ בכיוון אָפּגעשטעלט אויף ערנסט פישער, כדי קלאָר מאַכן, ווען מיר וועלן צוקומען צום רעוויזיאָניזם פון משה סנה, אַז אַלע זיינע „טעאָריעס" זיינען גאַנץ ווייט צו זיין אָ ר י ג י נ ע ל און אַז ער חזרט איבער וואָרט אין וואָרט ניט נאָר פון פישערן אַליין, נאָר אויך פון אַ סך אַנדערע רעוויזיאָניסטן.

סנה שרייבט: „די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע אין דער ווירקלעכקייט האָט אָבער אויך סותר געווען איין פּאָרויסזאָגונג פון לענינען, וועלכער האָט דערוואַרט נאָך סאָציאַליסטישע רעוואָלוציעס אין אַנדערע אייראָפּעישע, מ ע ר־ אַ נ ט װ י ק ל ט ע ל ע נ ד ע ר...". און ווייטער: בעת דער דערעפענונג פונעם 4טן קאָנגרעס (1922) האָט לענין פאָרענדיקט מיט אַ זאַץ זיין רעפעראַט: „אויסגעצייכנטע אויסזיכטן אויף אַ וועלט־רעוואָלוציע"... און סנה פאָרענדיקט דאָ: „די אויסגעבענקטע איבערקערענישן זיינען אָבער ניט אויסגעבראָכן. און די, וואָס זיינען יאָ אויסגעבראָכן אין אַ געוויסן אָרט — זיינען שנעל אונטער־דריקט געוואָרן דורך דער אימפּעריאַליסטישער אינטערווענץ און קאָנטער־רעוואָלוציע...".

מען דאַרף דאָ ניט האָבן קיין איבעריק שאַרפן מוח צו דערפילן און פאַרשטיין, ווי סנה וואַרפט דאָ בייזוויליק אַריין אַ שטיין אין גאָרטן: „אַפילו לענין האָט אויך ניט געקאָנט פאָרויסזען!..." (אין דער אמתן, איז דאָס ניט מער, ווי קליינבירגערלעכע פּיליסטערשאַפט; דאָס הייסט פּשוט ניט באַנעמען דעם א"ב פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע; דאָס מעכאַנישע איבערקייען די טענות און מענות פון דער אַמאָליקער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע).

און ווי אַ פערד, וואָס וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם כאָמעט, צעלויפט זיך דאָ אין גאַלאָפּ משה סנה: א) לויטן מאַרקסיזם האָט די רעוואָלוציע זיך באַדאַרפט אָנהייבן, דאָרט, ווו דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל. ב) נאָך אַ מאַקסימאַלער העכערונג פון דער פּראָדוציע־אַרויס־גאַב. ג) ווען עס איז שוין צוגעגרייט אויסגעצייכנטע פּראָפעסיאָנעלע, טעכנישע און אַדמינסטראַטיווע כוחות. ד) די רעוואָלוציע האָט זיך באַדאַרפט אַנטוויקלען אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישער טראַדיציע און נאָך...

סנה קומט דאָ צום אויספיר: „דאָס זיינען געווען די הויפּט־באַדינגונגען, וועלכע האָבן געדינט אַלס הינטערגרונט פאַר דער גרויסער היסטאָרישער פעלשונג, אַז אָנשטאָט צו גיין מיטן שווערן, אָבער ריכטיקן וועג, אויפן וועג פון שעפע־רישער אַנטוויקלונג פון מאַרקסיזם און צופּאַסן אים צו די אומגעהויערע שווערע באַדינגונגען פון דער רוסישער ווירקלעכקייט, אָפּהיטנדיק דערביי די דעמאָקראַ־טישע און הומאַנישע געבאָטן, ווי עס האָט זיך דאָס באַמיט צו טאָן לענין ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן — איז במשך פון יאָרן דער רעזשים אויס־פאָרמירט געוואָרן, ווי אַ דיקטאַטור פון אַ ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, וואָס האָט דערביי געפעלשט די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע טעאָריע, באַנוצנדיק זיך מיט טעראָר ביים אונטערדריקן יעדע קעגנערשאַפט צו די דאָזיקע פעלשונגען...".

לייענען מיר נאָך אַ מאָל אַט דעם זאַץ ביי סנהן און עס טויכט אויף ביי אייך די גאַנצע פּאָלעמיק, וואָס לענין האָט, בשעתו, געפירט קעגן קאַוטסקין אין זיין בוך: „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי". איר ווערט דערשטוינט; איר שטייט פאַר אַ רעטעניש: וואָס איז דאָ? איז

דאָס עם־הארצות? צי — ווייל מען אָט די גאַנצע פראַגע פעלשן, פאַרדרייען? צי איז דאָס אפשר „זען אַ זאַך, ווי מען ווייל דאָס זען?״.

לאָמיר טאַקע אַ קוק טאָן, וואָס לענין האָט וועגן דעם צו זאָגן:

אין זיין בוך „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און דער רענעגאַט קאַוטסקי״ (1920) צעגלידערט לענין קאַוטסקיס בראָשור „די דיקטאַטור פונעם פּראָלע־טאַריאַט״. קאַוטסקי קומט דאָ אַרויס קעגן דער דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט. ער ווייזט דאָרט אָן, אַז אָט דער אויסדרוק איז זיך סומך געווען נאָר אויף איין וואָרט פון מאַרקסן.

לענין דערמאָנט דאָ קאַוטסקין, אַז מאַרקס האָט אין אַ בריוו אין1875 געשריבן:

> „צווישן דער קאַפּיטאַליסטישער און קאָמוניסטישער געזעלשאַפט ליגט דער איבערגאַנג פון אַ רעוואָלוציאָנערן איבערבייט פון דער ערשטער אין דער צווייטער. אין אָט דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד, קאָן די פּאָליטישע מאַכט ניט זיין קיין אַנדערע, ווי די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט״.

לענין שרייבט:

> „אָנרופן דעם באַוווּסטן געדאַנקען־גאַנג פון מאַרקסן, וואָס פירט אונטער אַ סך הכל דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער טעאָריע: „איין וואָרט״, נאָך מער: פאַרצויגן, „אַ ווערטעלע״. הייסט דאָס אין גאַנצן זיך אָפּזאָגן פון מאַרקסן...״. און ווייטער: „קאַוטסקי קאָן ניט נישט וויסן, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן אין זייערע בריוו און אין זייערע ווערק זייער אָפט גערעדט וועגן דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. קאַוטסקי קאָן ניט נישט וויסן, אַז די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט הייסט די געשיכטלעך־קאָנקרעטע און וויסנשאַפטלעך־פּינקטלעכע אָנווייזונג פון דער פּראָבלעם: צו צעשלאָגן (ראַזביט) די בורזשואַזע רעגירונגס־מאַשין, אַרום וועלכער מאַרקס און ענגעלס האָבן שוין געהאַט דערפאַרונג אין דער רעוואָלוציע פון 1848 און נאָך מער אין 1871, דערפאַרונג פון אַרום 40 יאָר. (דאָרטן, ז׳ 10 — 11).

קאַוטסקי שרייבט אין זיין בראָשור: „מאַרקס האָט צום באַדויערן ניט אָנגעוויזן באַריכות, ווי אַזוי ער שטעלט זיך פאָר אָט די דיקטאַטור...״. און לענין אין זיין אויבנדערמאָנטן ווערק ענטפערט אים: „דאָס איז דורך און דורך אַ באַהויפּטונג פון אַ רענעגאַט, ווייל מאַרקס און ענגעלס האָבן יאָ געגעבן גענויע אָנווייזונגען...״.

> „מאַרקס און ענגעלס — שרייבט לענין — האָבן גאַנץ גענוי אַנאַ־ליזירט די פּאַריזער קאָמונע און אָנגעוויזן, אַז איר פאַרדינסט איז געווען אין דעם פּרווו פון צעברעכן און צעשטערן די גרייטע רעגירונגס־מאַשין. מאַרקס און ענגעלס האָבן אָט דעם אויספיר געפונען אַזוי וויכטיק, אַז זיי האָבן נאָך אָט די פאַריכטונג אַריינגעטראָגן אין 1872 אין די „פּאַר־

עלטערטע" טיילן אין דער פּראָגראַם פון קאָמוניסטישן מאַניפעסט. מאַרקס און ענגעלס האָבן געוויזן, אַז די קאָמונע האָט פאַרניכטעט די אַרמיי און ביוראָקראַטיע, פאַרניכטעט דעם פּאַרלאַמענטאַריזם, צעשטערט דעם פּאַראַזיטישן אָנוווקס — די רעגירונג. אָבער דער „קליגלערישער" קאַוטסקי האַלט נאָך אַלץ אין איין איבערחזרן, וואָס טויזנט מאָל האָבן שוין געזאָגט ליבעראַלע פּראָפעסאָרן...". (דאָרטן, ז' 22).

קאַוטסקי שרייבט: „בוכשטעבלעך הייסט דאָך דאָס וואָרט ,דיקטאַטור' אַ פאַרניכטונג פון דעמאָקראַטיע, די זעלבסט-הערשאַפט פון איין מענטש, ניט אָפּהענגיק פון וואָסערע ס'איז געזעצן". לענין שטעלט אים, ווי זיין שטייגער איז געווען, די פראַגע: „ווי פאַר וועמען? — פאַרן ליבעראַל הייסט דאָס — די פאַרניכטונג פון דער דעמאָקראַטיע; דער קאָמוניסט אָבער, וועט ניט פאַרגעסן פרעגן: פאַר וועלכן קלאַס?".

„די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע, וועלכע הייסט דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט — זאָגט לענין — איז אַ מיליאָן מאָל דעמאָקראַטישער ווי יעדע בורזשואַזע דיקטאַטור, וואָס הייסט דעמאָקראַטיע".

„די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט — זאָגט דאָ לענין — איז די דעראָבערטע מאַכט פון דעם פּראָלעטאַריאַט איבער דער בורזשואַזיע, וואָס ווערט ניט אונטערגעוואָרפן קיין שום געזעצן. אָט דעם פּשוטן אמת, דער אמת קלאָר ווי דער טאָג, פאַר יעדן קלאַסנבאַוווסטזיניקן אַרבעטער, שטעלט עס אַוועק אונטער אַ פראַגע־צייכן דער רענעגאַט קאַוטסקי...".

קאַוטסקי שטיצט זיך אויף מאַרקסן, אַז עס איז מעגלעך, אַז אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, זאָלן מיר זיך ניט דאַרפן באַנוצן מיט אַזאַ דיקטאַטור. ער טריומפירט דאָ, אַז מאַרקס אַליין באַשטעטיקט זיין געדאַנק, אַז אַ רעוואָלוציע קען דורכגעפירט ווערן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן.

בנוגע אָט דער באַהויפּטונג פרעגט אים לענין:

„א) זיינען דען פאַראַן היסטאָרישע געזעצן בנוגע רעוואָלוציע, וואָס ווייסן ניט קיין אויסנאַם? — און ב) אַ רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור הייסט צוואַנגס-מאַכט קעגן דער בורזשואַזיע און ווערט אַרויסגערופן דורכן מיליטאַריזם און ביוראָקראַטיע פון דער בורזשואַזיע (ווי אין פראַנקרייך) און אַזעלכע זיינען בעת באַרקס האָט געמאַכט זיין באַהויפּטונג, אין די 70ער יאָרן פונעם 19טן י"ה אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע ניט געווען...".

בנוגע קאַוטסקיס פאַרופן זיך אויף די אַלגעמיינע שטים־רעכט אין דער פּאַריזער קאָמונע, ענטפערט אים לענין:

„ווי בירגערלעך און לעכערלעך באַנעמט דאָ קאַוטסקי די פאַקטן פון דער פּאַריזער קאָמונע! די בורזשואַזיע איז אַנטלאָפן קיין ווערסאַל און די קאָמונע האָט געפירט אַ בלוטיקן קאַמף מיט ווערסאַל און וואָלט די

באַפעלקערונג ניט געווען באַוואָפנט, וואָלט די קאָמונע ניט געווען עקזיסטירט קיין איין טאָג...". (ז' 22).

לענין שטעלט זיך דאָ אָפּ אויף דער „ריינער דעמאָקראַטיע", וואָס איז אין תוך נאָר אַ ליגנערישע פראַזע, כדי אָפּנאַרן די אַרבעטער. פאַראַן איין דעמאָקראַטיע און דאָס איז די קלאַסן־דעמאָקראַטיע! (דאָרטן, ז' 21 — 22). לענין שרייבט:

„בורזשואַזע דעמאָקראַטיע, וואָס — איז געווען פּראָגרעסיוו כלפּי מיטל־אַלטער, איז ביים קאַפּיטאַליזם, שמאָל, אָפּגעגרענעצט, פאַלש און צביעות־דיק. אַ גן־עדן פאַר די רייכע און אַן אָפּנאַרעריי און שווינדל פאַר די עקספּלואַטירטע און אָרעמע...". (דאָרטן, ז' 25).

„די עקספּלואַטאַטאָרן זיינען שטענדיק אין דער מינדערהייט — זאָגט קאַוטסקי — דעריבער דאַרף דער רעזשים, וואָס ווייס, אַז נאָך אים גייען די מאַסן, זיך באַנוצן מיט דער מאַכט צו פאַרטיידיקן און ניט צו פאַרניכטן די דעמאָקראַטיע...". קאַוטסקי באַנעמט דאָ ניט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף האָבן די מאַכט, כדי צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע; כדי אַנוואַרפן אַ מורא אויף די רעאַקציאָנערן; כדי אָנהאַלטן די אויטאָריטעט פון באַוואָפנטן פאָלק קעגן דער בורזשואַזיע, כדי דער פּראָלעטאַריאַט זאָל מיט כוח אונטערדריקן זיינע קעגנער.

לענין שרייבט:

„קאַוטסקי מאַכט דאָ „ניט ווילנדיק" דעם זעלבן „קליינינקן" טעות, ווי אַלע בורזשואַזע דעמאָקראַטן און דאָס איז די „פ אָ ר מ ע ל ע" גלייכהייט פון דער בורזשואַזיע מיט דער אַרבעטערשאַפט. דער עקספּלואַ־טאַטאָר קאָן אָבער ניט זיין גלייך מיטן עקספּלואַטירטן! אָט דער אמת, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך דעם תמצית פון סאָציאַליזם איז ניט איינ־גענעם קאַוטסקין. פאַרניכטן די בורזשואַזיע קען מען נאָר ביי אַ געלונ־גענעם אויפשטאַנד, אָדער ביי אַן אויפשטאַנד פון איר אַרמיי. אַז די עקספּלואַטאַטאָרן זיינען שוין געשלאָגן אין איין לאַנד, זיינען נאָך אַלץ זייערע צווישנפעלקערלעכע באַציונגען גאָר גרויס... דער איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם נעמט אַ גאַנצע עפּאָכע און ביז וואַנען זי פאַרענדיקט זיך ניט, זיינען די האָפענונגען ביי דער בורזשואַזיע נאָך דאָ, און פּרוּוון זיך רעסטאַוורירן — קען מען נאָך אַלץ פון איר דערוואַרטן...".

ה. דער רעוויזיאָניזם פון סנה

משה סנה, וואָס איז אין תוך, פּיינטלעך צו קאָוטסקין, בנוגע זיין צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער (יידישער) פראַגע, און מאַכט אים אַוועק מיט דער האַנט, חזרט דאָ איבער וואָרט אין וואָרט קאָוטסקין, ווען עס קומט צו דער פראַגע וועגן „ריינער דעמאָקראַטיע", „אַלגעמיינער גלייכהייט". דאָ קען שוין סנה אין גאַנצן ניט פּרעטענדירן אויף אַן אָריגינעלן געדאַנק. ער האַלט אין איין איבער־קייען די ווערטער פון אַלע בורזשואַזע קליינבירגערלעכע דעמאָקראַטן און מלויען צום טויזנטסטן מאָל וועגן די אַלגעמיינע מעלות פון דעמאָקראַטיע...

לייענט איר זייט נאָך זייט פון סנהס טעזיסן אין די מאַטעריאַלן פון 16טן צוזאַמענפאָר פון זיין גרופּע און עס ווערט ניט נאָר פאַרדריסלעך, נאָר פּשוט עקלהאַפט ווי סנה צעזינגט זיך דאָ וועגן „אַלגעמיינער גלייכהייט". ער שרייבט: „עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ סאָציאַליסטישן רעזשים, קען ניט געמאָלט זיין דאָס אַרויפצווינגען אַן אידעאָלאָגיע מצד דעם סאָציאַליסטישן שטאַט, נאָר ער דאַרף גאַראַנטירן אַ פרייען אידעאָלאָגישן וויכוח צווישן פאַרשיידענע מיינונגען...". (דאָרטן, ז' 49).

דאָ טראַכט שוין, ווייזט אויס, סנה ווען ער וועט דורך אַ מערהייט פון שטימען באַקומען די מאַכט... אַט דעמאָלט וועט ער פירן אַ שטילן, געלאַסענעם וויכוח מיט די דיינס, בעגינס, ווייצמאַנס און זאָלן מיר ניט פאַרבייגיין דאָ די הומאַניטאַרע גאָלדע מאיר... זאָלן זיי אים קודם־כל מיט אַלע זיינע „מערהייטן" דערלאָזן צו דער מאַכט און דערנאָך זיך אַוועקזעצן און פריינדלעך און געלאַסן פירן מיט אים אַ וויכוח...

דאָס דערמאָנט די אויפפאַסונג פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער האָט מיט אַן ערך 50 יאָר צוריק געשריבן אין זיין בוך „סאָציאַליזם און מאָראַל": „אין דער באָלשעוויסטישער, סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע האָט אויף דעם ערשטן פּלאַץ געדאַרפט שטיין דאָס גרונט־געבאָט פון דעם סאָציאַליזם: די אָפּשאַפונג פון קלאַסן. ניטאָ מער קיין פּריצים! ניטאָ מער קיין קאַפּיטאַליסטן און סוחרים! אַלע בירגער זיינען אַרבעטנדיקע מענטשן. אַפילו דער צאַר ניקאָלאַי האָט געדאַרפט גיין אין איינעם מיט אַלעמען אַראָפּגראָבן שניי פון גאַסן און באַקומען זיין חלק פּראָוויזיע גלייך מיט אַלעמען...".

גאַנץ אַנדערש האָבן פאַרשטאַנען דעם ענין אונדזערע מאַרקסיסטישע קלאַ־סיקער. ריידנדיק וועגן אַלגעמיינעם שטים־רעכט שרייבט ענגעלס: „די אַלגעמיינע שטים־רעכט איז נאָר אַ ווייזער פון דער באַוווסטזיניקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס. געבן מער, קען זי ניט און וועט קיין מאָל ניט געבן ביי דער איצטיקער רעגירונג...". (אין דער הקדמה צום ביגער־קריג פון מאַרקסן).

מערקווירדיק, ווי ענלעך זיינען אָט די רעוויזיאָניסטן, לינקע אָדער רעכטע, איינער אויפן צווייטן; אַלע האָבן די זעלבע טענדענץ פון אָנעמען דעם כאַראַק־טער פון אַ „מאָדערנעם מאַרקסיזם", אַ מין „באַנייטן קאָמוניזם", אַ „דעמאָ־קראַטישן סאָציאַליזם". געפינט איר טאַקע אַ סך ענלעכס צווישן הענרי לעפעברע,

ראָזשע גאַראָדי, לעשעק קאָלאַקאָווסקי, ערנסט פישער, אָטאָ שיק, קאַרעל קאָסיק און אַנדערע.

ווי צייטיק און אַקטועל זיינען נאָך ביז איצט די ווערטער, געשריבן מיט איבער 50 יאָר צוריק פון לענינען: „נעמט דעם געבוי פון דער רעגירונג. קאַוטסקי כאַפּט זיך אָן אין קלייניקייטן: דאָס שטים־רעכט איז ניט קיין דירעקטע, אָבער דעם תוך זעט ער ניט; דעם קלאַסן־תמצית פון רעגירונגס־אַפּאַראַט, די רעגירונגס־מאַשינע ניט באַמערקט... די ר אַ ט ן זיינען די אומיטלבאַרע אָרגאַניזאַציע פון די האַרעפּאַשניקעס און עקספּלואַטירטע מאַסן. זיי באַקומען עס די מעגלעכקייט בויען און פאַרוואַלטן מיט זייער אייגענער רעגירונג. אויטאָמאַטיש פאַרגרינגערט די סאָוועטישע אָרגאַניזאַציע די פאַריי־ניקונג פון די אַלע אַרבעטנדיקע אַרום זייער אַוואַנגאַרד — דעם פּראָלעטאַריאַט. דער אַלטער בורזשואַזער אַפּאַראַט, די ביוראָקראַטיע, די פּריווילעגיע פון רייכטום, פון בורזשואַזער בילדונג, פון פאַרבינדונגען — פאַלן דאָ אָפּ. אַלע פרייהייטן ווערן אמתע אין די אינטערעסן פון די מאַסן...".

עפּעס דערמאָנט וועגן דעם גאַרניט דער „קאָמוניסט" משה סנה! פּונקט, ווי עס האָבן דאָס אַלץ פאַרגעסן די „גרויסע געלערנטע", אַנדערע רעוויזיאָניסטן...

פון דאַנעט אַ קליינער שריט צו דער ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ווייל אָן אַ קאָמוניסטישער פּאַרטיי, קען מען קיין רעוואָלוציעס ניט דורכפירן. אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי קען ניט אָנעמען דעם כאַראַקטער פון אַ דיקוסיע־קלוב, („גאָוואָרילניאַ"), נאָר דאַרף שטרענג טראָגן אירע פליכטן און פאַר־אַנטוואָרטלעכקייטן.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם לענין:

די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע פּאַרטיי פון אונדזער צייט, איז די, וואָס ריכטעט אַלע אירע אַקטיוויטעטן, כדי צוצוגרייטן דעם פּראָלע־טאַריאַט צו איינעמען די פּאָליטישע מאַכט און איינפירן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. זי איז דער באַוווסטזיניקער אַוואַנגאַרד פון זיין קלאַס און ענג פאַרבונדן מיט די מאַסן... (ב' 33, ז' 209). זי איז די איינציקע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, געבויט אויפן פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישן צענטראַ־ליזם, וואָס איז פעיק צעמענטירן דעם אַרבעטער־קלאַס אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף... אָן אינטערנאַציאָנאַלע פּאַרטיי, וואָס זאָל שטענדיק פירן אַ קאַמף קעגן אָפּאָרטוניזם, קעגן קליינבירגערלעכע פּאַציפיסטישע אָפּנייגן אויפן פּרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַליזם... (ב' 31, ז' 149).

אויך וועגן דעם כאַראַקטער פון אַזאַ פּאַרטיי טראַכט זייער ווייניק די גרופּע פון מיקוניס־סנה.

נאָך אַ מאָל דאַרפן מיר איבערחזרן די אומשטערבלעכע ווערטער פון לענינען, ווי די מאַרקסיסטישע לערע אָנערקענט און אונטערשטיצט די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אַלס אָנהויב פון דער באַפרייונג פון די אונטערדריקטע פעלקער; עס ווערן דערביי אויסגענוצט אַלע מיטלען, ווי דער קאַמף פאַר זייער שפּראַך,

קולטור און זייער גאַנצער שטייגער לעבן, אָפּגערעדט פון דעם הויפּט־קאַמף צו פאַרבעסערן זייערע באַדינגונגען. ניט אומזיסט זאָגט לעניןִ: „דער, וואָס אַנערקענט ניט און פירט ניט די קאַמפן פאַר גלייכהייט פון נאַציעס און שפּראַכן; דער, וואָס קעמפט ניט קעגן יעדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און אומגלייכהייט, דער איז ניט נאָר קיין קאָמוניסט, נאָר ער איז אַפילו ניט קיין דעמאָקראַט...". (לענין, נאַציאָנ. באַפרייונג, סאָציאַליזם און אימפּעריאַליזם, ז' 21).

ווען משה סנה דערקלערט, אַז „ס'וועט נאָך נעמען צייט ביז דאָס פאָלק וועט זיך צוגעווינען צו דער ליניע, וואָס האָט געפירט צו דער שפּאַלטונג" צווישן זיין גרופּע און „די אָפּנייגן פון דעם יידישן ניהיליזם און דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם", איז בלויז צום שטוינען.

ווער האָט דאָ נעגירט דעם אייגענעם נאַציאָנאַליזם און ווער האָט דאָ געוואָלט איינפירן דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם? — שמעקט אַזאַ באַהויפּטונג ניט מיט קיין ראַסיזם?!

ווען אָט דער זעלבער „קאָמוניסטישער" פירער וויל בויען אַ „גרויסע" פּאַרטיי אין די האַלב־ראַסיסטישע באַדינגונגען, געשאַפן דורך דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן רעזשים אין ישראל, און אָנעמען אָט די באַדינגונגען דע־פאַקטאָ, אַז: „ישראל איז אַ לאַנד פון 90% יידן" און אין איינקלאַנג מיט אָט די באַדינגונגען זיך שטעלן אַ ציל צו בויען זיין פּאַרטיי — ווערן די מעשים פון אַזאַ „פירער" שטאַרק פאַרדעכטיק...

פאַרן מאַרקסיזם־לעניניזם איז די נאַציאָנאַלע פראַגע און די פּראָבלעמען פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג ניט מער ווי אַ טייל פון דער סך מער ברייטערער פּראָבלעם פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, פון אַ סאָציאַ־ליסטישן נצחוןביים אָפּשאַפן די קלאַסן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אויף דער וועלט.

די אינטערעסן פון קאַפּיטאַליזם פון אַ סך לענדער זיינען איצט פאַראייניקט. זייער ציל איז אָפּשטעלן אָדער סאַבאָטירן די אַנטוויקלונג פון די סאָציאַליסטישע לענדער, אָדער אונטערדריקן די אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז אויך אינטער־נאַציאָנאַליזם. דאָס פּונקט פאַרקערטע סיי אין כאַראַקטער, סיי אין ציל — איז דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם.

ס'איז אָבער אויך פאַראַן אַ קליינבירגערלעכע אויפפאַסונג פון אינטערנאַציאָ־נאַליזם: דאָס איז די, וואָס ווייזט צוריק זיינע סאָציאַלע און קלאַסן־אימפּליקאַציעס און נעמט אָן נאָר די גלייכהייט פון נאַציעס. פאַרשטייט זיך, אַז גלייכהייט און רעכט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג זיינען אַ טייל פונעם פּראָלע־טאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, אָבער זיי קאָנען ניט אַוועקגעשטעלט ווערן אין קעגנזאַץ צום קלאַסן־אינהאַלט.

לענין האָט אויפגעדעקט אַזעלכע קליינבירגערלעכע פאַרקריפּלונגען, ווען ער האָט געשריבן:

„דער קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליזם דערקלערט אַלס אינטערנאַ־ציאָנאַליזם נאָר די אָנערקענונג פון גלייכהייט פון נאַציעס און ניט מער, ניט רעכענענדיק זיך מיטן פאַקט, אַז אַזאַ אָנערקענונג איז נאָר אין ווערטער, ווייל דער קליינבירגערלעכער נאַציאָנאַליזם היט אָפּ זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, ווען דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם פאָדערט: א) אַז די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַרישן קאַמף זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן די אינטערעסן פון אָט דעם קאַמף אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב; און ב) אַז דאָס לאַנד, וואָס האָט זיך שוין באַפרייט, זאָל זיין מסוגל און גרייט צו ברענגען די גרעסטע נאַציאָנאַלע קרבנות כדי צו שטירצן דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל" (ב׳ 31, ז׳ 148).

די וועגן צו בויען דעם סאָציאַליזם קענען זיין אין באַזונדערע לענדער גאַנץ אַנדערע, אָבער די דערפאַרונגען פון די לענדער, וואָס האָבן זיך שוין באַפרייט, מוזן זיין אַ קוואַל פון וועלכן די לענדער, וואָס קעמפן פאַרן סאָציאַליזם, זאָלן לערנען. איגנאָרירן אָט די דערפאַרונגען, וועט ברענגען שאָדן ניט נאָר דער געגעבענער פּאַרטיי, נאָר דעם גאַנצן קאַמף פון דער אַרבעטער באַוועגונג אויף דער וועלט.

„יעדע פּאַרטיי טראָגט אַ היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר איר טאַקטיק אי צו איר אייגן פאָלק, אי צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס...". (דאָרטן).

ווי פלאַך, לעכערלעך און נאַריש האָט געקלונגען דער פאָרוווּרף פון דעם זעלבן סנה צו דער ווילנער־טובי גרופּע, איצט, די איינציקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ישראל, אַז מיט דער שפּאַלטונג זיינען זיי פּטור געוואָרן פונעם נאַציאָנאַלן ניהיליזם און אַראַבישן נאַציאָנאַליזם!

דער תמצית איז דאָך דאָ געווען, אַז אַרבעטנדיק האַנט ביי האַנט מיט די אַראַבישע חברים האָט דאָס ניט דערמעגלעכט צו פאַרייניקונג, צו פאַרייניקטע פראָנטן מיט אַנדערע בירגערלעכע יידישע אָרגאַניזאַציעס. פון דאַנעט זיינען געקומען די אַזוי אָפטע פאָרווורפן, אַז זי, די ווילנער־גרופּע, איז איזאָלאַציאָ־ניסטיש. דערביי האָט די מיקוניס־סנה גרופּע אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז אַזעלכע פאַרייניקטע פראָנטן זיינען שטענדיק צייטווייליקע; אַז זיי ווערן געמאַכט אויסשליסלעך אין קאָנקרעטע פאַלן און קאָנקרעטע צילן, און אַז אין אַזעלכע פאַרייניקטע פראָנטן, מוז מען שטענדיק שטיין אויף דער וואַך ניט פאַרלעצן די אייגענע אידעאָלאָגיע. אָט פונקט ווי פרידלעכע קאָעקזיסטענץ איז מיטן ציל צו פאַרלייכטערן די שפּאַנונג, צו שאַפן אַ קאָלעקטיווע זיכערקייט, צו פאַרמיידן אַ מלחמה. אָבער קאָעקזיסטענץ פון פאַרשיידענע סאָציאַלע סיסטעמען, קענען לחלוטין ניט בייטן די נאַטור פון סאָציאַליזם, אָדער קאַפּיטאַליזם. אַזוי אויך דאַרף די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, מאַכנדיק אַזעלכע פאַרייניקטע פראָנטן שטענדיק אָפּהיטן איר אידעאָלאָגיע.

דער אמת איז דאָך אָבער, אַז די פירער פון דער מיקוניס־סנה גרופּע האָבן שטענדיק געצויגן צו די קליינבירגערלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און מיט דער שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי, האָבן זיי זיך דערשלאָגן צום ציל.

די רעוויזיאָניסטן: נאָוויק — סולער

מיר האָבן אין אָט דער אָפּהאַנדלונג אַ סך מאָל געפירט אַ פּאָלעמיק מיט נאָוויקן. נאָר אַזוי ווי מיר ווילן באַהאַנדלען די אָפּנייגן פון אונדזערע יידישע חברים אין אַמעריקע, וואָלטן מיר זיכער געמאַכט אַ פאַרזען, ווען מיר דערמאָנען ניט אויך דעם נאָמען — סולער. דאָס הייסט אָבער, לחלוטין ניט, אַז אונדזער באַציונג איז די זעלבע צו ביידע חברים, אָדער אַז מיר קענען זיי ביידן אַוועקשטעלן אויף איין ברעט.

דער ערשטע, פּסח נאָוויק, פאַר לאַנגע יאָרן אַ זשורנאַליסט מיט פעיקייטן, האָט ניט נאָר געשריבן, נאָר אויך געלערנט. פון 1939, פון אַלגינס טויט ביז היי־יאָר, געווען דער איינציקער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט״. כאָטש ער האָט דעם גרויסן אַלגין קיין מאָל ניט געקענט פאַרבייטן, האָט ער, פון דעסט וועגן (אַליין, מיר דאַכט זיך, פון פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם), געטריי און איבערגעגעבן געדינט דער „מאָרגן־פרייהייט״.

דער צווייטער, חיים סולער, אַ דורכשניטלעכער לערער אין די יידישע שולן פונעם אַרבעטער־אָרדן מיט אַ קליינעם סכום וויסן און נאָך ווייניקער מאַרקסיסטישן וויסן, האָט זיך מיט די עלנבויגנס דורכגעשטופּט פריִער צו אַן אַמט פון אַ לאָקאַלן פאַרוואַלטער; צו אַ פאַרוואַלטער פון געזאַנגס־פאַריין און צום סוף — צו דער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט״. ביז... היי־יאָר איז ער אויסגעקליבן געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג אַלס מיט־רעדאַקטאָר.

פאַרשטייט זיך, אַז די מאָטיוון פון אָנהייבן בלאָנדזשען אויף די רעוויזיאָניסטישע וועגן איז פאַר ביידע גאַנץ פאַרשיידן.

פּסח נאָוויק איז אין די לעצטע יאָרן דורכגעגאַנגען, ווי מיר אַלע, היסטאָריש־שווערע, ווייטיקלעכע נסיונות, ווי די שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע פאַרן יידישן פאָלק, וואָס איז אין איר אכזריות, ביז דאַן פרעמד געווען דער מענטשלעכער געשיכטע — דעם חורבן פון דער היטלער־עפּאָכע; דעם 20סטן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמפּאַרטיי (1956) און די יוני־מלחמה אין מיטעלן מזרח פון 1967 (און ווי אים האָט זיך דאַן אויסגעדאַכט, אַז ישראל איז אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן). אין אָט די אַלע היסטאָרישע געשעענישן — האָט ער

דעם עקזאַמען אַלס פירער פון די יידישע פּראָגרעסיווע מאַסן אין די פּאַרייניקטע שטאַטן — בפירוש ניט אויסגעהאַלטן.

1. אין אָפּשאַצן די שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע פון ימי־היטלער, האָט נאָוויק ניט ריכטיק באַנומען די צייט, אין וועלכער מיר לעבן. מיר ווייסן, אַז ניט נאָר היטלער, נאָר אויך אַ ניקסאָן זיינען פעיִק און מסוגל צו באַגיין אַזעלכע פאַרברעכנס. (ער טוט דאָך דאָס זעלבע אין אַ קלענערן מאַסשטאַב, איצט, אין וויעטנאַם !). דער לאָזונג — „יודען־ריין מאַכן איראָפּע" — איז געווען ניט מער, ווי אַ בייזאַך. אין תוך איז דאָס געווען דער גרעסטער אַכזריותדיקער אַקט פון דעם אימפּעריאַליזם. אָנעמען אַ באַהויפּטונג, פון מינימיזירן דעם ענין צו אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָלט געהייסן ניט באַגרייפן דעם סאָציאַלן תוך פון אָט דער קאַטאַסטראָפע.

2. אין דער פראַגע פונעם 20סטן קאָנגרעס פון קפּר"פ, וויל אויך נאָוויק, ווי חיים סלאָוועס האָט עס געוואָלט האָבן — לאָזן אויף שטענדיק אָפן די „קלאַמערן".

עס איז געווען די מוט און איניציאַטיוו פון דער סאָוועטישער פּאַרטיי אויפצודעקן פאַר דער וועלט די פאַרלעצונגען פון דער סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט און אָנעמען מיטלען צו ליקווידירן די פאָלגן פון פערזאָנגען־קולט. אָבער אויף שטענדיק אָט די ווונד לאָזן אָפן און האַלטן אין צעטרייסלען דאָס לאַנד — אויף דעם האָט נאָר אַרויסגעקוקט דער שונא, ווי דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. ווי שוין געזאָגט, דאָס לעבן איז שטאַרקער און די אַנטוויקלונג מוז ווייטער אָנגיין.

3. אין דער פראַגע פון דער יוני־מלחמה אין 1967, האָט זיך נאָוויק, אַ פאַרביטערטער, שוין אין גאַנצן ניט אָריענטירט, אָדער זיך אין גאַנצן ניט געוואָלט אָריענטירן : אי אין דער פראַגע, ווער עס איז דאָ דער שולדיקער, דער אַגרעסאָר. אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ נאַציאָנאַלן פאַנצער, האָט ער דערצו אויך די אויגן געהאַלטן פאַרמאַכט. דער עיקר : אויף וועמענס צד האָט זיך געשטעלט די ישראל־רעגירונג אין קאַמף צווישן די באַפרייטע פעלקער און אימפּעריאַליזם. אַוועקגייענדיק פון דער גלייכער ליניע פון לעניניזם, האָט זיך דאָ נאָוויק פאַרפּלאָנטערט אין אַ מין שפּינוועבס, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קליינבירגערטום. מיר האָבן דאָס אַלץ געזעהן באַרירט אין פּאַריקן קאַפּיטל. דאָס אַריבערוקן זיך די לעצטע פאַר יאָר צום בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם מיט אַלע זיינע אָנגענומענע אַטריבוטן, די אומדירעקטע צושטימונג צו דעם פּרינציפּ פון „כל ישראל חברים" ; אַז דער „עם־ישראל" איז אַן „אתה בחרתנו פאָלק" ; צו מאַכן אַ פּעטיש פון דער יידישער שפּראַך ; מיקראָסקאָפּיש זוכן דעם „נאַציאָנאַלן אייגנאַרט" און זיינע וואָרצלען זוכן אין דער רבניש־נגידיש־יחוסדיקער וועלט און נאָך ווייטער. אָט ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען ביי נאָוויקן די זיך אַליין־באַרעכטיקונגס־טעאָריעס.

אַ סך ווייניקער קען געזאָגט ווערן וועגן די וועגן פון פאַרבלאָנדזשען צום

רעוויזיאָניזם פון אַ חיים סולער. סולער האָט קיין אָפּנייגן ניט געהאַט, ווייל ער האָט קיין מאָל קיין מאַרקסיסטישע פּרינציפּן ניט געהאַט, פון וועלכע ער זאָל זיך קאָנען און דאַרפן אָפּנייגן. ער האָט קיין פּרינציפּן ניט געהאַט, ווייל אים איז לגמרי פרעמד מאַרקסיזם. ער האָט זיך קיין מאָל אין מאַסן־אַקציעס, אין מאַסנקאַמף ניט באַטייליקט.

אָבער אַ חוש פון פּראַקטישקייט, מוז מען אָנערקענען, האָט ער אַ גרויסן... ער האָט דערפילט, אַז אַלס לערער, שטייען פאַר אים ניט קיין גרויסע גליקן; און אַזוי אויך האָט ער פאַר זיך קיין ברייטע צוקונפט ניט געזען אין געזאַנג־פאַריין. מיט דער זעלבער פּראַקטישקייט, אַלס פּאַרוואַלטער פון דער מ״פּ, איז ער צוגעגאַנגען צום באַשלוס וועגן כאַראַקטער פון דער יוני־מלחמה אין 1967, צווישן ישראל און אין אַראַבישע שכנים, אַז זי איז דורכויס אַ דעפענסיווע. ווייל געוווסט האָט סולער, אַז דאָ שטייט אין קאָן אַ גאַר גרויסע צאָל לייענער... און אויסגעקליבן האָט ער אָט דעם וועג, ווייל ער איז געווען דער וועג פון קלענערן ווידערשטאַנד. אַזוי איז געווען פאַר אים גרינגער. גיין מיטן שטראָם, מיט כל ישראל...

ביים גיין באַרג־אַראָפּ, קייקלען זיך צו גלייך דער וועטעראַן נאַוויק מיטן אויפגעקומענעם סולער און ביידע זיינען שוין ניט בכוח אויפצוקלערן, נאָר מען וויל באַאיינפלוסן דעם לייענער. און ביי אָט דער פיינער אַרבעט, באַמערקט מען אַליין ניט, ווי מען „שטעלט־צופרידן״ איין טייל און מען שטעלט אַוועק קעגן זיך אַן אומצופרידענעם, דעם צווייטן טייל. און מיר צווייפלען, צי אַפילו אין ענין — לייענער — האָט די „מאָרגן־פרייהייט״ עפּעס געוווּנען...

ליגט פאַר מיר די צייטונג פון מיטוואָך, דעם 13טן מאַי 1970, ווו דער לייענער א. שיף פון מאָנטרעאַל, וואַרפט פאַר דער רעדאַקציע, אַז אירע קעגנער רופט זי „נעמען״, אָדער איז צו זיי סאַרקאַסטיש. שיף טענהט: „לענין האָט געזאָגט: דערציילט דעם פאָלק וואָס די קעגנער טוען און דאָס פאָלק וועט זיי שוין געבן דעם ריכטיקן נאָמען״. לעניס היסטאָרישן ביישפּיל — שרייבט ער ווייטער — וואָלט איר באַדאַרפט אָנווענדן צו דער גרופּע אין ישראל, וואָס איר רופט „סעקטאַנטן״. דערציילט, וואָס איז זייער אַקטיוויטעט, אַזוי גוט ווי מען שרייבט וועגן סנה־מיקוניס און ווילענסקאַ״.

שיף האָט אויך טענות צו דער רעדאַקציע, אַז נאָך דעם 15טן סעפּטעמבער 1969 האָט ער אָנגעפרעגט ביי דער רעדאַקציע, די שטעלונג פון ישראל צום „באַן־לימיטאַציע־געזעץ״. מען האָט אים געענטפערט, אַז די רעדאַקציע ווייסט ניט. האָט ער צו זיי טענות: „פאַראַן אַ שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט און צו אים סנה און מיקוניס, וואָס מען זעט אַזוי אָפט אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג, און די רעדאַקציע ווייס נאָך אַלץ ניט די שטעלונג פון דער ישראל־רעגירונג צום „באַן־לימיטאַציע־געזעץ״...

מיר זעען דאָ אַ גאַנץ־באַריכותדיקן ענטפער פון דער רעדאַקציע, פון וועלכן

מיר קענען בפירוש עפּעס לערנען. „קודם, ווילט זיך פרעגן: ווו און ווען שרייבן מיר אַזוי פיל וועגן דער ווילנער־ריכטונג? מיר האָבן געשריבן דריי אַרטיקלען אין אָקטאָבער 1965, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער דאָגמאַטישקייט און סעקטאַנטישקייט פון אָט דער ריכטונג"... —און גענוג...

און ווייטער: „מיר האָבן שוין אַנומלט געענטפערט, אַז די סיבה פאַר וואָס מיר ברענגען ניט די מיינונגען פון דער ווילנער־ריכטונג און שרייבן ניט וועגן איר, איז ווייל מיר וואָלטן שטענדיק באַדאַרפט שטעלן „פאַדקאָוועס" אַנווייזן, אַז מיר זיינען ניט מסכּים און אויך פאַר וואָס. האַלטן מיר ניט, אַז דאָס איז נייטיק. עס זיינען דאָ איצט וויכטיקערע פראַגן צו באַהאַנדלען"...

איז מיט וואָס פאַרא נאָמען וועט איר דאָ אַנרופן די שרייבער פון אַזאַ רעדאַקציע? רעוויזיאָניסטן? עפּעס ערגערס? און וואָס גייט דאָ? — ישראל איז אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד. איר רעגירונג איז ענג פאַרבונדן מיט דער אימפּעריאַליסטישער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן און זי פירט אַן אויסגעשפּראָכן פּראָ־אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק. די דאָזיקע אָוואַנטוריסטישע פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג קען דערפירן צו אַן אומגליק פאַרן ישראל־פאָלק. פרעגט זיך: די מ"פ איז דאָך פאַראינטערעסירט אין ישראל? אַוודאי! איז ווער וועט עס דאַרפן, פריער, אָדער שפּעטער אָנפירן מיט ישראל? איז דאָך אויך פאַראַן אַ קאָמוניסטישע פאַרטיי אין ישראל און זי און ניט קיין אַנדערע וועט מוזן אָרויספירן ישראל אויפן ריכטיקן וועג. זיינען געווען צוויי מיינונגען אין דער דאָזיקער פאַרטיי. איז פאַר וואָס איז דאָ נאָוויק, אָדער סולער, אַזוי זיכער, אַז די לייענער ווילן ניט און דאַרפן ניט וויסן, וואָס זאָגן אַנדערע וועגן די אַנטוויקלונגען אין דאָזיקן לאַנד? פאַר וואָס האָט דאָ דער רעדאַקטאָר פון דער מ"פ באַשלאָסן, אַז זיין מיינונג דאַרף און מוז ווערן די מיינונג פון אַלע זיינע לייענער? — „מיר שרייבן ניט וועגן איר (ווילנער־ריכטונג), ווייל מיר זיינען ניט מסכּים מיט איר. און עס וואָלט אויסגעקומען צו שרייבן: „אויך פאַר וואָס"...

איז וואָס־זשע, האָט עס אַזוי מורא די מ"פ פאַר אָט דעם „פאַר וואָס"? — „מיר דרוקן די אַנדערע שרייבער, ווייל מיר זיינען מסכּים מיט דעם, וואָס אין זייערע אַרטיקלען ווערט געזאָגט"... און אויב אַ לייענער איז ניט מסכּים האָט ער אַ רעכט — אויסדריקן זיין מיינונג... באַקלאָגן זיך... פאַרן רבונו של עולם.

פון וואַנעט זשע זאָל דער מ"פ לייענער נעמען זיין מיינונג, אַז ער ווערט ניט אינפאָרמירט דורך דער זעלבער מ"פ? — אויף דעם גיט דאָך אָפּ דער לייענער „אַ לעבן פאַר אַ לעבן" און 210 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר נאָר אין אַ געלט־קאַמפּאַניע, כּדי די מ"פ זאָל אים אינפאָרמירן אין ענינים, אין וועלכע ער איז ניט באַהאַוונט... און אַ. שיף פון מאָנטרעאַל, איז דאָך דאָ דער גליקלעכער, ווייל אויף יעדע 20 בריוועלעך פון לייענער ענטפערט מען אויף איינעם. און אַז מען ענטפערט שוין יאָ, איז ווי שיף זאָגט — מיט סאַרקאַזם.

מיך, אַ זשורנאַליסט פון דער מ"פ, איז אויסגעקומען צו שרייבן אַ מעמאָ־

ראַנדום וועגן דער מלחמה אין מיטעלן מזרח פון יוני 1967 און געבעטן מען זאָל דאָס פאַרלייענען און אים דיסקוטירן אין דער רעדאַקציע. דאָס האָט מען קיין מאָל ניט געטאָן און מיר קיין מאָל ניט געענטפערט... איך רוף דעם רעדאַקטאָר, זאָל ער האָבן דעם מוט, אָדער חוצפה און דאָס אָפּלייקענען! און ניט נאָר דאָס: אַ שרייבער, וואָס האָט געאַרבעט 11 יאָר אין דער מ״פ און ווען מען האָט איבערגעגעבן די וויכטיקסטע פּאָליטישע אַרטיקלען צו שרייבן, איז מיט פּראָטעסט אַרויס פון דער צייטונג און אויך דאָס האָט מען פאַר די לייענער פאַרשוויגן.

אָבער עפּעס האָט דאָך פּסח נאָוויק יאָ אַרויסגעזאָגט זיך וועגן דער „ווילנער ריכטונג״. ער האָט דאָך יאָ געשריבן דריי אַרטיקלען אין 1965 וועגן דעם ענין. איז וועגן וואָס האָט ער געשריבן, וואָס ער האָט געוואָרפן אַזאַ אומחן אויף זיי? — הערט און שטוינט! דאָ האָט ער טאַקע איבערגעחזרט וואָרט אין וואָרט פון די באַהויפּטונגען, וואָס מיר האָבן שוין אַנאַליזירט אין די מאַטעריאַלן פון 16טן צוזאַמענפאָר פון דער סנה־מיקוניס גרופּע — די ווערטער פון משה סנה... משה סנה באַשולדיקט די פירער פון דער ישראלדיקער קאָמפּאַרטיי אין איזאָ־לאַצע און נאַציאָנאַלן ניהיליזם, ווייל זיי אַרבעטן האַנט אין האַנט יידישע מיט אַראַבישע חברים צוזאַמען. און די באַפעלקערונג, ווי ער ווייזט אָן, איז 90% אַ יידישע. פּסח נאָוויק באַשולדיקט זיי אין זיינע אַרטיקלען אין דאָגמאַטישקייט און אין סעקטאַנטישקייט.

אָבער ווען אין נאָוועמבער דעם זעלבן יאָר האָט די סאָוועטישע קאָמפּאַרטיי און שפּעטער האָבן 81 קאָמוניסטישע פּאַרטייען באַשולדיקט די מיקוניס־סנה־גרופּע, אַז זי האָט פאַראַטן דעם ישראלדיקן אַרבעטער־קלאַס (מיר האָבן גענוי אַנאַליזירט די באַשולדיקונגען און דעם ענטפער פון אָט דער גרופּע), געפינט נאָוויק ראַטזאַם אין גאַנצן פאַרשווייגן דעם ענין. די „מאָרגן־פרייהייט״ האָט מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט, אַז דער צוזאַמענפאָר פון די 81 קאָמפּאַרטייען האָט אָנגענומען אָפיציעל די שטעלונג פון דער ישראל־קאָמפּאַרטיי אונטער דער אָנפירונג פון ווילנער־טובי. מיט דעם איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן אַלס די איינציקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישראל די, וואָס ווערט אָנגעפירט פון ווילנער־טובי און עס קענען ניט זיין קיין צוויי קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אַ לאַנד. אָבער נאָוויק, ווי סולער, האַלטן נאָך אַלץ, אַז די „אמתע״ קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין ישראל איז די מיקוניס־סנה גרופּע און אַז עס וועט געזינטער זיין פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט״ רעוויזיאָניסטיש אויסטייטשן איר פּאָליטיק אין ישראל, מיטן „כל־ישראל״... אַ פּאָליטיק, וואָס זי האָט געלערנט ביי אייב קאַהן פון סאָציאַל־שאָוויניסטישן „פאָרווערטס״.

און ווידער ליגט פאַר מיר אַ צייטונג פון 24סטן מערץ 1970. אַ שרייבער אָן אַ נאָמען פּראָטעסטירט וועגן די נייעס אין דער מ״פ פון 12טן מערץ, אַז 39 סאָוועטישע יידן פּראָטעסטירן קעגן אַנטי־ישראל־אַקציעס פון דער סאָווע־

טישער רעגירונג. ער וואַרפט פאָר דער צייטונג, אַז זי דרוקט איבער פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען און נייעס־אַגענטורן די נייעס, ווי פון „דאַבליו־אַי־ווי־די, וואָס פירט אַ וויסטע העצע קעגן ראַטן־פאַרבאַנד. ער פרעגט: פאַר וואָס דרוקט איר ניט די נייעס פון „דיילי־וואָרלד" (אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע צײַטונג). דער ענטפער פון דער מ"פ גייט ווייטער: „די ,מאָרגן־פרייהייט' — שרייבט די רעדאַקציע — איז אַ צייטונג פאַר אַלע ריכטונגען"... איר הערט דיבורים? — פאַר אַלע ריכטונגען... אָבער אַ ביסל ווייטער, כאַפּט מען זיך — „אַן אומאָפּהענגיקע יידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־צייטונג, וואָס דרוקט נייעס... געוויסע סאָרטן נייעס קאָנען ניט געפעלן געוויסע לייענער... אָבער עס איז נייעס! מיר אונטערדריקן ניט קיין נייעס!"... וואָלט משה אַלגין דאָס דערהערט, וואָלט ער נאָך אַ מאָל געשטאָרבן... „מיר זיינען אומפּאַרטייאיש. מיר גיבן איבער נייעס, אַפילו זיי זיינען אונדז אַליין ניט געפעלן... (קאַפּיטאַליסטישע, אַרבעטער־פרעסערישע, רעאַקציאָנערע, פּראָאימפּעריאַליסטישע און אַנטיסאָוועטישע, ווייל עס איז נייעס!). מיט אַזאַ קרעדאָ (אני מאמין) האַלט איך גאָר ניט, אַז די „מאָרגן־פרייהייט" וואָלט באַדאַרפט אַרויסגיין מיט קאָמפּאַניעס פאַר געלט, אויב זי איז אַזוי אומפּאַרטייאיש...

אַט ליגט פאַר מיר אַ בריוול פון אסתר קאַראַל, פון 18טן יוני 1969. זי דערמאָנט אַן אַרטיקל אין דער מ"פ פון 8טן יוני קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, גענומען פון דער „ניו־יאָרק טיימס", וואָס „פריינד און קוואַלן" האָבן באַריכטעט... זי בעט ביי דער מ"פ זי זאָל „בעסער עטאַבלירן פריער די נייעס, איידער מען דרוקט זיי... אַזאַ עדיטאָריעל — שרייבט זי — וואָלט מען ניט פאַרשפּעטיקט מיט אַ טאָג שפּעטער"...

די רעדאַקציע אָבער איז דאָ אויסער זיך: „מיר פאַרשטייען ניט די ווערטער ,פרענדס ענד סאָרסעס', אַ קעיבל פון מאָסקווע האָט גענוי איבערגעגעבן, אַז אין קיעוו איז פאָרגעקומען אַ משפּט אויף אַ יידישן אינזשינער און דער קאָרעספּאָנדענט זאָגט, אַז די פאַקטן האָבן אים איבערגעגעבן פריינד פונעם פאַרמישפּטן"... און דאָ מיט פּאַטאָס: אַז מען טאָר ניט דערשטיקן קיין נייעס...

פון אַזעלכע בריוו, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט" האָט שוין יאָ געדרוקט, קאָן מען צוזאַמענשטעלן אַ גאַנץ היפּשן בוך. צייטנווייז, ווען איך טראַכט זיך אַריין אין עצם פון דער איצטיקער „מאָרגן־פרייהייט", טוט מיר ווי דאָס האַרץ. איך פיל אַ ווייטיק און דערביי אַ בזיון; איך — טראַכט: איז דאָס דען ניט קיין חילול־השם צו דרוקן צום הונדערטיאָריקן געבורטס־טאָג פון אומשטערבלעכן וולאַדימיר איליטש לענין זכרונות וועגן אים, בעת די זעלבע צייטונג איז אַזוי ווייט פון אים?.

די צייטונג זוכט, לעצטנס, מיט ליכט פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע קוואַלן, פליאַטקעס, נייעס, וואָס זאָלן דיסקרעדיטירן דעם ר"פ און די ערשטע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

וואָס איז דער חידוש? — איז דען אַ קלענערע העזה צו פּרעטענדירן

שטענדיק צו שרייבן אין נאָמען פון אַ מיקונים־סנה גרופּע אַלס די „ישראל־קאָמוניסטישע פּאַרטיי", וואָס עקזיסטירט ניט? — און דקווא וועלן איינריידן דעם עולם, אַז מען רעדט אין נאָמען פון מאַרקסיזם?...

איז טאַקע לית דין, ולית דין? — אָט ליגט פאַר מיר די „מאָרגן־פרייהייט" פון 12טן יולי 1970, ווו מען גיט אָפּ גאַנצע אַנדערטהאַלבן זייטן (גאַנצע 8 קאָלומס!) „אַן ענטפער אויף אַ בריוו מיט פאַלשע באַשולדיקונגען". אין וואָס איז די מעשה? — איינער אַ חבר, שלמה ווילענסקי, פון תל־אביב, האָט געשריבן אַ בריוו צו דער מ"פ וועגן דער פּרעסע־קאָנפערענץ פון יידיש־סאָוועטישע טוער דעם 3טן מערץ אין מאָסקווע און ווי אַזוי די מ"פ האָט אויף דעם רעאַגירט. דער בריוו איז, פאַרשטייט זיך, ניט געדרוקט געוואָרן. אוודאי וואָלט דער עניין שוין לאַנג געווען אַ פאַרגעסענער, פונקט ווי מיט טויזנטער אַנדערע בריוו, וואָס ווערן פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אַרויסגעוואָרפן אין מיסט־קעסטל.

האָט אָבער אָט דעם בריוו איבערגעדרוקט אין אַ מימיאָגראַפירטער אויסגאַבע די „דזשואיש־אַפעירס", וואָס די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן. דאָס האָט אויפגעטרייסלט אונדזער רעדאַקטאָר פּסח נאָוויק! אַ קלייניקייט, אַנרירן זיין מאַיעסטעט, דעם „מאַרקסיסט" פון אַלע מאַרקסיסטן איבער דער נאַציאָנאַלער פראַגע!

האָט ער טאַקע אָפּגעגעבן גאַנצע 8 קאָלומס ענטפערן דעם בריוו־שרייבער. „געשריגן האָט ער דאָ אויף דער טאָכטער און געמיינט די שנור". עס האַנדלט זיך וועגן דעם, ווי די „מאָרגן־פרייהייט" האָט איבערגעגעבן די נייעס וועגן דער פּרעסע־קאָנפערענץ אין מאָסקווע, אָפּצושלאָגן די אַנטי־סאָוועטישע העצעס פון די ישראלדיקע הערשער און די ציוניסטישע פירער דאָ אין אַמעריקע, וואָס האָבן געפאָדערט, אַרויסצולאָזן אַלע יידן קיין ישראל.

די שונאים פונעם ר"פ האָבן דאָ אין זינען געהאַט עפּעס מער, ווי צו פירן זייערע שטענדיקע העצעס קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. ניין! אַרויסשטעלנדיק זיך אַלס פריינד פון די יידן, האָבן זיי געמיינט צו מאַכן אַ ריס צווישן די יידן פון ר"פ מיט דער רעגירונג. ווייזן, אַז די דאָרטיקע יידן זיינען ניט צופרידן מיטן ר"פ. און רייסן זיך מיט לייב און לעבן אין זייער „אייגן לאַנד" — קיין ישראל. און דאָ ווילן זיי שיסן איינצייטיק צוויי האָזן: א) די רעגירונג האַלט זיי דאָרט מיט גוואַלד; און ב) ווייזן דער רעגירונג, אַז די יידן זיינען דאָרט אַ פרעמדער עלעמענט. און געהערן, אַזוי אַרום, אין גאַנצן ניט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס חלומט זיך זיי, ווייזט אויס, די „לבון־אַפּערע", אויף וועלכע זיי זיינען אַזעלכע ספּעציאַליסטן!

אַזאַ וויסטע העצע קעגן ר"פ האָבן מיר געקענט דערוואַרטן נאָר פון מענטשן, וואָס האָבן שוין לאַנג אָנגעוואָרן זייער מענטשלעכן פּנים.

אַן ערלעכע יידישע צייטונג האָט זיך געקאָנט משער זיין, אַז דאָס קאָן נאָר זיין אַ באַצאָלטער „דזשאָב" פון אַ „סי־אַי־עי", אָדער סטייט־דעפּאַרטאַמענט און אַוועקשטעלן אָט די אויסוורפן פאַר דער גאַנצער וועלט־עפנטלעכקייט;

ווייזן, אַז די דיינס, גאָלדע מאירס, ווייצמאַנס און בעגינס גייען צוזאַמען מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און ס׳קאָן זיך אויך אויסשיילן אַזאַ הפקרות.

עס איז געווען צו דערוואַרטן, אַז אַ געהעריקער ענטפער וועט קומען פון די סאָוועטישע יידן, וואָס נעמען אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער בויונג, אין דער אָנפירונג פון דער מלוכה, אַרמיי, וויסנשאַפט, ליטעראַטור און קונסט און אַז דער ענטפער קעגן אַזאַ פּראָוואָקאַציע האָט געמוזט און געדאַרפט זיין דער סאַמע שאַרפסטער פאַר אַט די שלענג פונעם פאָלק און עפּעס ערגערס.

נאָוויק האָט זיך דאָ אין גאַנצן פאַרלוירן. און פאַרלוירן האָט ער זיך שוין פשוט דערפאַר, וואָס די בעסטע פאַרשטייער פון דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט אין ר״פ האָבן אויסגעקליבן ניט דעם שאָוויניסטישן, נאָר דעם סאָציאַליסטישן וועג (און נאָוויק קאָן זיי אַלע!) און געלאָזט הערן זייער קול אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ אין מאָסקווע. און אָנגערופן זאַכן טאַקע מיטן ריכטיקן נאָמען... צי עס געפעלט, צי עס געפעלט ניט דעם „מאַרקסיסט״ נאָוויק! אָבער ריכטיקע נעמען פאַר זאַכן, פאַרגייט נאָוויקן איצט אין דער נאָז. די גאַנצע מעשה האָט אים אַ ביסל צעטומלט און אַ פאַרלוירענער, האָט ער מיט שוים אויף די ליפּן, איבערגעקייט נאָך אַ מאָל, ווי עס טוט וויי, אַז מען רופט אָן, יידן, פאַשיסטן (כאָטש, ווי איר האָט געזען, האָט מען עס ניט געטאָן... פאַרקערט, זיך אַרויסגעזאָגט קעגן צוזאַמענוואַרפן דאָס פאָלק און די רעגירונג פון ישראל אין איין מעסטל). און דאָס וויכטיקסטע: דאָס צום טויזנטסטן מאָל איבערחזרן: „די ,מאָרגן־פרייהייט׳ איז אַ פריינד פונעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד״... אויפזוכנדיק נייעס און פליאַטקעס דווקא אונטער דער ערד פון די שוואַרצסטע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, כדי צו דיסקרעדיטירן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַט אין וואָסער טעמפּן ווינקל די „מאָרגן־פרייהייט״ איז לעצטנס פאַרקראָכן. דער „פּראַקטישער״ וועג ניט צו פאַרלירן קיין לייענער האָט דאָ לחלוטין ניט געאַרבעט. פאַרקערט, נאָר אַריינגעבראַכט מוטנע וואַסערן און געשאַפן אַן אַנטאַגאַניזם צווישן לייענער און לייענער.

מיר זיינען דאָ, אין אַמעריקע, געבענטשט, אָדער ריכטיקער פאַרשאָלטן, מיט צוויי יידישע צייטונגען — דער „פאָרווערטס״ און „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, ועמענס וויסטע, פינצטערע שנאה איז אין־לשער צום אַרבעטער־קלאַס, צו יעדן האָרעפּאַשניק, צו יעדע זאַך, וואָס איז פּראָגרעסיוו. זיי זיינען מלחמה־העצערישע צייטונגען, וואָס בענטשן אַלע מעשים־תעתועים פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. זיי שטייען שטאָל און אייזן פאַר דער אָפיציעלער פירערשאַפט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, פאַר דער מיני־דובינסקי ביוראָקראַטיע, וואָס טוט אַלץ אין איר כוח צו פאַרקויפן די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט און שטיצט מיט געלט און „פירערשאַפט״ צו העלפן דעם אַמעריקאַנער אימפּער־יאַליזם צו פאַרשקלאַפן די מאַסן אין די קאָלאָניאַלע לענדער.

אַט פאַר וואָס עס ווערט צענפאַך וויכטיק די ראָל פון דער „מאָרגן־פריי־הייט" אויף דער יידישער גאַס!

די מ"פ האָט אָבער, לעצטנס, אויפגעהערט צו זיין אַן אינטעגראַלער טייל פונעם אַרבעטער־קלאַס. אַנשטאָט דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס איז אַזוי לעבנס־נייטיק איצט, ווען דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם שפּרייט אויס זיינע לאַפּעס איבער דער גאַנצער וועלט און אַנטקעגן אים דאַרף אַרויסגערוקט ווערן אַ גוט־צעמענטירטע קראַפט פונעם אַרבעטער־קלאַס — האָט די מ"פ גראָד איצט אויסגעקליבן דעם נאַציאָנאַליסטישן וועג. אַט דער וועג איז געפערלעך מיט דעם, וואָס ער אַנטוויקלט ביי די ברייטע מאַסן די טענדענץ צו אַן ענגן שאָוויניזם. דאָס איז אויך דער וועג פון זיך אָפּגרענעצן פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג...

נאָוויק אַליין האָט אין זיינע אַרטיקלען ניט איין מאָל אָנגעגעבן, אַז די יידן אין אַמעריקע, אַלס מינאָריטעט, געפינען זיך אין אַ בעסערער לאַגע לגבי די אַנדערע מינאָריטעטן, ווי די נעגער, אָדער טשיקאַנאָס. הייסט דאָך דאָס, אַז אונדזער גאַנצער ענערגיע און אַקטיוויטעט וואָלטן מיר באַדאַרפט און געקאָנט אָפּגעבן, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מינאָריטעטן, דעם אַלגעמיינעם קאַמף. איז ווי קומט דאָס, וואָס גראָד איצט זיינען די קאָלומס פון דער צייטונג פאַר־נומען דווקא מיט נאַציאָנאַליסטישע פּראָבלעמען, מער ווי עס איז פריער? קיין מאָל האָט די צייטונג ניט אָפּגעגעבן אַזוי פיל פּלאַץ נאַציאָנאַלע ענינים! קיין מאָל זיינען די בריוו פון די לייענער אין דער רעדאַקציע ניט געווען אַזוי פאַרפולט אין דער מ"פ מיט פּראָגעס פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

טראַכטן ניט די פירער פון דער מ"פ, אַז אין באַדינגונגען, גאַנץ־נאָרמאַלע פאַר דער יידישער מינאָריטעט, וואָלט געווען מער ראַטזאַם, זיך אַריינוואַרפן אין אַלגעמיינעם קאַמף און ניט אויף אַן „אינזיכיסטישן" אופן זיך גריבלען אין זאַכן, וואָס זיינען לחלוטין ניט נוגע דעם אַמעריקאַנער פאָלק?

איזאָלירן זיי ניט מיט אַזעלכע „טיפּזיניקע" טעאָרעטישע אַרטיקלען די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פונעם אַלגעמיינעם קאַמף? — און אויב יאָ, גייט דאָך די מ"פ אויף אַ סעפּאַראַטיסטישן וועג? — הייסט דאָך דאָס, אַז ניט די ווילנער־טובי פאַרטיי, נאָר דווקא ער, נאָוויק, האָט אויסגעקליבן דעם סעפּאַ־ראַטיסטישן וועג!

פירנדיק אַ פּאָלעמיק מיטן טעאָרעטישן און אָרגאַניזירטן כוח — מיט דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע, טאַקע ווי ער האָט עס געטאָן אין זיינע 8 קאָלומס, אין דעם „ענטפער אויף אַ בריוו מיט פאַלשע באַשולדיקונגען", פילט דען ניט נאָוויק, ווי נאַריש־קינדעריש, ווי נעבעכדיק, ער שטעלט זיך אַוועק, ווען ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון די ישראלדיקע הערשער און די ציוניסטישע פירער? — און קעגן וועמען? ניט חלילה, קעגן דעם סטייט־דעפּאַרטאַמענט, נאָר קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע?

זיינען דאָך די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויך יידן. געלערנט און באַוווסט־

זיניק, פונקט ווי נאָוויק. און זייער ענטפער אויף אָט דעם אָנפאַל איז געווען אַ גאַנץ־אַנדערער. וועט דאָך נאָוויק דאָ זיכער ניט אַרויסקומען מיט די פאַלשע באַהויפּטונגען, ווי עס טוען דאָס אונדזערע אויסגעשפּראָכענע שונאים — אַז זיי, די יידן פון ר״פ, זיינען געווען געצוווּנגען דאָס צו טאָן, געצוווּנגען פון זייער רעגירונג? און אויב ניט, וועט ער דאָך אַליין מוזן קומען צום שלוס, אַז זיי האָבן דערפילט דעם ריח פון שאָוויניזם. און ווי ערלעכע מענטשן, זיך אָפּגע־טרייסלט פון דעם.

ווייסט דען ניט נאָוויק, אַז דער קאַמף קעגן שאָוויניזם הייבט זיך אָן ביי זיך אין דער היים. קודם דאַרפן מיר פירן אַ קאַמף מיט דער אייגענער בור־זשואַזיע אין אונדזער אייגן פאָלק? און אַז, אַלס קאָמוניסטן, וואָלטן מיר באַדאַרפט דעם ענין ישראל קלאָר און ניכטער אָפּשאַצן. אַז פאַרבאַהאַלטן די וויסטע פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג, הייסט גאָרניט זיין אַזאַ גוטער פריינד דעם יידישן פאָלק. פּינקטלעך, ווי אונדזערע אַמעריקאַנער „פּאַטריאָטן״, וואָס שרייען הוראַ פאַר דער וויעטנאַמער מלחמה, זיינען גאָרניט אַזעלכע גוטע פריינד פון אַמעריקע! און אַז די ציוניסטן און נאַציאָנאַליסטן מכל המינים, זיינען קיין מאָל ניט געווען קיין איבעריקע גוטע פריינד דעם יידישן פאָלק!

צוויי וויכטיקע פאַקטאָרן וואָס געווייסע אַמעריקאַנער יידישע קאָמוניסטן פאַרזעען

א) די אַגרעסיווע, פּראָאימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג

ווען מיר דערמאָנען זיך די פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג, שוין אין אָנהייב פון איר עקזיסטענץ, דערזעען מיר איר ריכטונג. כאָטש דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען דער ערשטער אויפצוהייבן אין „יו־ען״ (אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס) די פראַגע פון שאַפן אַ יידישע מדינה (גראָמיקאָ) און די הילף און אונטערשטיצונג אין דער באַפרייונגס־מלחמה (1948) איז געקומען נאָר און אויסשליסלעך מצד דעם ראַטן־פאַרבאַנד און די סאָציאַ־ליסטישע לענדער (טשעכאָסלאָוואַקיע), און דווקא פּרעזידענט טרומאַן האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען און איז אַרויסגעטראָטן קעגן אויספירן דעם באַשלוס פון „יו־ען״ וועגן שאַפן אַ יידישע און אַראַבישע מדינות אין ארץ־ישראל —

האָבן די פּאָליטיקער פון דער ישראל־רעגירונג באַשלאָסן זיך אָנהענגען אין עק גראָד פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

אַזוי, אַז פון די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ אַלס מלוכה, האָט די ישראל־רעגירונג זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער זייט פונעם אַמעריקאַנער אימ־פּעריאַליזם, ווי די מיליטערישע כונטעס פון לאַטיין־אַמעריקע, אַפריקע און אַזיע.

ווי אַ מיליטערישע כונטע האָט זי זיך אויך באַצויגן צו די פּאַריאַגטע פּאַלעסטינער אַראַבער, וואָס ווױנען שוין איבער 20 יאָר אין ביידלעך, אין לאַגערן; אַנגעווענדעט טעראָר און אונטערדריקונג קעגן דער אַראַבישער מינדערהייט; דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן, זיך איזדיעקעוועט איבער די אַרעס־טירטע און פאַרפּילט מיט זיי די טורמעס.

אין 1956 האָט די ישראל־רעגירונג, צוזאַמען מיט די פראַנצייזישע און ענגלישע אימפּעריאַליסטישע כוחות אָנגעהויבן אַן אַגרעסיווע מלחמה קעגן עגיפּטן, מיטן ציל אומצוקערן דעם סועץ־קאַנאַל צום פראַנצייזיש־ענגלישן מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל (וועלכער איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן דורך די עגיפּטער). נאָך דער שטרענגער פאָדערונג און וואָרענונג פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן די אַגרעסאָרן (ישראל, פראַנקרייך און ענגלאַנד) געמוזט אָפּטרעטן.

אין 1967 איז געקומען די אַגרעסיווע מלחמה פון די אַזוי גערופענע זעקס טעג. די אָקופּאַציע פון גרויסע טעריטאָריעס פון אירע אַראַבישע שכנותדיקע לענדער האַלט אָן די ישראל־רעגירונג ביזן היינטיקן טאָג. טעראָר, אונטער־דריקונג, פאַרטרייבונגען, אַרעסטן — דאָס זיינען אַ טייל פון די מעשים פון די ישראלדיקע אָקופּאַציע־כוחות אין באַצוג צו דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געביטן.

פאַרטיידיקן אַזאַ פּאָליטיק, זי שטענדיק פאַרענטפערן, וועלן פאַרדעקן אירע מעשים — הייסט, ניט נאָר נאָכפאָלגן די ליניע פון מאַרקסיזם־לעניניזם און קעמפן פאַר די רעכט פון קאָלאָניאַלע פעלקער, נאָר הייסט, ניט זיין אַפילו קיין אָנשטענדיקער, ערלעכער מענטש.

אַלע צייטונגען, די גאַנצע ישראלדיקע בירגערלעכע פרעסע האַלטן אין איין אַפּעלירן צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אַז אינעם איצטיקן קאָנפליקט פאַרטיידיקט ישראל די מערבדיקע (לייען אימפּעריאַליסטישע) אינטערעסן און קודם כל די אינטערעסן פון אַמעריקע. דער רעדאַקטאָר פון „ידיעות אחרונות", ד"ר ה. ראָזענבלום, רופט דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אַרויסטרעטן אָפן קעגן דער סאָוועטישער אַריינדרינגונג אין מיטעלן מזרח, אָנווייזנדיק, אַז דער שליסל געפינט זיך אין די הענט פון אַמעריקאַנער פרעזידענט. די צייטונגען גייען נאָך אַ סך ווייטער: מען האָט טענות צו פרעזידענט ניקסאָן, פאַר וואָס ער רעאַגירט ניט שאַרפער קעגן ר"פ; פאַר וואָס ער האָט ניט אַרויסגעשיקט די געהעריקע צאָל „פאַנטאָמען" און אַנדער געווער; פאַר וואָס האָט ער ניט געזאָגט אָפן, אַז „מיר" האָבן דעם 6טן פלאָט אין מיטלענדישן ים... און דאָס

אַלץ דערפֿאַר, ווייל דער ראַטן־פֿאַרבאַנד טרעט אַרויס אין פֿאַרטיידיקונג פֿון די אַראַבישע פֿעלקער, וועלכע ווילן ניט קאַפּיטולירן און טרעטן אַרויס קעגן דער אָקופּאַציע פֿון זייערע טעריטאָריעס.

אַ סך ווייטער גייען דאָ אָוועק די ישׂראלדיקע הערשנדיקע קרייזן אין זייערע העצעס קעגן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אין זייער שטיצע דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. זיי רעכענען זיך בכלל ניט מיט דער גרויסער געפֿאַר פֿון צעפֿלאַקערן אַ דריטע וועלט־מלחמה. דאָ קומען מיר צום צווייטן פֿאַקטאָר, וואָס געוויסע אַמעריקאַנער יידישע קאָמוניסטן פֿאַרזעען.

ב) די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע אויף דער וועלט

אין מיין מעמאָראַנדום צו דער „מאָרגן־פֿרייהייט", געצייכלטע טעג נאָך דער ישׂראל־אַגרעסיע, האָב איך געשריבן:

„די שטעלונג פֿון דער מ"פּ צו דער ישׂראל־אַראַבישער מלחמה, דאָס לויבן אין טאָג אַריין די האַרבע פֿאַרביסענע שונאים פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, דאָס אַליין זאָגט אָן, — אַז די שטעלונג איז, ווייזט אויס, ניט אין גאַנצן קיין ריכטיקע. באַלויכטנדיק די מיטל־מזרח סיטואַציע, האָט די „מאָרגן־פֿרייהייט" זיך פֿאַר־קוקט אין איין ווינקל און פֿאַרגעסן די גאַנצע פּאָליטישע וועלט־סיטואַציע".

און ווייטער: „דאָס פֿאַרשטעלן ישׂראל אַלס „שעיר־לעזאזל", הייסט פֿאַרקוקן די פּאָליטיק פֿון די בן־גוריונס, דיינס, בעגינס, וואָס האָבן שטענדיק געהאָלפֿן דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און שטענדיק געשטימט מיט אַמעריקע אין דער „יו־ען" קעגן דער באַפֿרייונג פֿון די קאָלאָניאַלע לענדער...".

„איך שטעל אונטער אַ פֿראַגע־צייכן דאָס גיין פֿון די מיקוניסעס מיט דער ישׂראל־רעגירונג און באַדויערן דעם טעות פֿון ר"פּ, ווייל מיטן אָנער־קענען, אַז דער ס"פּ האָט געמאַכט אַ טעות — אַ זאַך וואָס אויך די מ"פּ האָט געטאָן אין אירע עדיטאָריעלס (אַרטיקלען) — מיט דעם אַליין אָנערקענט מען דאָך, אַז די בן־גוריונס און דיינס זיינען געווען די גערעכטע... און אוודאי און אַוודאי, איז ניט געווען קיין שום סיבה, אַז איר, ח' נאָוויק, זאָלט אַרויס־טרעטן אין אַן עדיטאָריעל (דעם 15טן יוני): „עס איז אַ גרויסער טעות פֿון ס"פּ!", אָדער: „דאָס יידישע פֿאָלק וועט ניט דולדן קיין אַנטיסעמיטיזם, פֿון וועמען עס זאָל ניט זיין...". ד"ה, איר גיט נאָך צו, אַז דער ר"פּ איז אַנטי־סעמיטיש...".

...מאַכנדיק דאָרט פֿאַרוורפֿן דער מ"פּ, אַז צוזאַמען מיט אַנדערע ביר־גערלעכע צייטונגען, האָט זי זיך אַריינגעגאָסן אין אַלגעמיינעם כאָר פֿון האַס און שׂינאה צום ס"פּ. פֿרעג איך: „און וואָס האָט די „מאָרגן־פֿרייהייט" דאָ פֿאַרזען? — זי האָט פֿאַרזען —צו האַמערן אין גאַנצן די צייט און קלאָר מאַכן פֿאַר אירע לייענער, אַז וויעטנאַם איז ניט, אַן און פֿאַר זיך, אַן איזאָלירטער עפּיזאָד, נאָר ער איז אַן אינטעגראַלער טייל און פֿאַרזעצונג פֿון דער קייט, אַנהייבנדיק מיט פֿאַרנעמען דרום־קאָרייע; פֿון איבערפֿאַל און איבערנעמען

קאַנגאָ; פון אַרויסיאָגן סוקאַרנאָן פון אינדאָנעזיע; פון צעברעכן די באַפרייטע גווינעאָ; פון מאַכן אַ חורבן אין קעניאַ; פון אַרויסיאָגן ענקרומען פון גאַנאַ און אַרויסשטופן באָשן פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק און נאָך און נאָך...".

און ווייטער: „אַז דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון דראַנג פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם צו באַהערשן די גאַנצע וועלט עקאָנאָמיש באַרויבן אירע נאַטור־אוצרות און פּאָליטיש צו ווערן איר זשאַנדאַרם. צוליב דעם, מאַכט מען דעם פּאַסיפיק פאַר אַן אייגענעם טייך און מען האַלט שוין יאָרן דאָרטן דעם 7טן פלאָט. מען שטעלט אַוועק באַזעס אין האַנאָלולו און אָקינאַווע. מען פאַרמעסט זיך אויפן טאַנקין־בעי (איינגוס), כדי אַרומרינגלען ניט נאָר וויעטנאַם, נאָר גאַנץ כינע".

און ווי אין דרום־וויעטנאַם, אַזוי פאַרמעסט זיך דער 6טער פלאָט אויפן מיטלענדישן ים. מען באַפעסטיקט זיך אין טערקיי, גריכנלאַנד, איטאַליע און שפּאַניע. מען אינוועסטירט צוויי מיט אַ האַלב ביליאָן דאָלאַר אין די אויל־קוואַלן פון די אַראַבישע לענדער און מען ווערט דער באַלעבאָס פון גאַנץ אייראָפּע.

דאָס אַלץ טוט מען צו ביסלעך און בהדרגהדיק; באַגאַנגען איין פאַרברעכן, קוקט מען זיך אַרום; וואָס זאָגט אויף דעם די וועלט? — און ווייל זי שווייגט, טרעט מען צו צו אַ צווייטן פאַרברעכן, דאָס אַלץ קען דערפירן צו אַ נייער וועלט־מלחמה.

דאָס אַלץ און די גרויסע סכנות, וועלכע לויערן אויף דער מענטשהייט מצד דעם אימפּעריאַליזם האָט מען באַדאַרפט קרישטאָל־קלאָר מאַכן פאַר די לייענער פון דער מ"פ אין דער צייט פון מיטל־מזרח־קריזיס. און ווען מען מאַכט קלאָר אָט די בלוטיקע סיטואַציע, רוקט זיך אַרויס בולט דער גרויסער פאַרברעכן פון די, וואָס נעמען אָנטייל אין אָט דער שפּיל, ווייל זיי האָבן זייער גורל און דעם גורל פון דער ישראל־מדינה — פאַרבונדן מיט פּענטאַגאָן און סטייט־דעפּאַרטאַמענט. דאַן וואָלטן אונדזערע לייענער פון דער מ"פ דערזען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. זיי וואָלטן דערזען די אמתע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק אין אַן אַנדער ליכט. זיי וואָלטן דערזען די ליניע פון דעם מאַרקסיזם־לעניניזם.

אָט דעם גרויסן פאַרזען — ניט באַטראַכטן דעם אייגענעם קאַמף ווי אַ טייל און אין ליכט פון אַלגעמיינעם קאַמף אויף דער וועלט, אין דעם גרויסן פאַרמעסט צווישן אימפּעריאַליזם און סאָציאַליזם — אָט דעם גרויסן טעות האָבן נאָך ביז היינט צו טאָג ניט פאַריכט נאַוויק און זיינס גלייכן.

מיט ווייטיק און פאַרדרוס האָב איך נאָך דעמאָלט, געציילטע עטלעכע טעג נאָכן מיטל־מזרח־קריזיס, געשריבן אין מיין מעמאָראַנדום צו דער „מאָרגן־פרייהייט" און געוואָרנט: „אַלע אָפּנייגן פון דער אידעאָלאָגיע פון אָט דעם קאַמף — ווי גערעכט אין מאָמענט זיי זאָלן ניט אויסקוקן — האָבן געפירט

אַ סך גרופּירונגען צו דערוויטערונג, פֿאַרפֿרעמדקייט און זיי צום סוף דער־פירט צו ווערן רענעגאַטן, דעזערטירן און פֿאַרעטער פֿון דער אַלגעמיינער אַרבעטער זאַך.

לאָמיר האָפֿן, אַז אָט די טוער וועלן זיך נאָך אַרומזען און אָנערקענען זייער טעות!

לאָס־אַנדזשעלעס 71־1970.

אינהאלט

זייט

אַ וואָרט פריער פון מחבר 3

אַריינפיר 5

די „מאָרגן־פרייהייט״, פריער און איצט 6

נאַציאָנאַליזם, ניט סאָציאַליזם 7

די ירידה צום בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם 9

מאַטעריאַליזם אָדער מעטאַפיזיק 13

אַזוי איז זיי גרינגער 16

אונטערן מאַנטל פון „דיאַלעקטיק״ 19

נאָוויקס אָפּנייגן 24

פאַרשיידענע דעפיניציעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע 28

ניט אין דער דעפיניציע איז דער ענין 32

אַסימילאַציע און אינטעגראַציע 36

זיינען יידן אַ פאָלק, אַ נאַציע ? 44

די פראַגע וועגן טעריטאָריע 46

דער תוך פון נאַציאָנאַליזם 50

די נאַציאָנאַליסטישע תביעות פון חיים סלאָוועס 52

די סנה־מיקוניס גרופּע 63

די רעוויזיאָניסטן : נאָוויק־סולער 82

צוויי וויכטיקע פאַקטאָרן, וואָס געוויסע אַמעריקאַנער יידישע
קאָמוניסטן פאַרזעען 91